STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04594

KONGRES-REDEN

Theodor Herzl

*Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טהעאדאר הערצל

קאנגרעס-רעדע

פון דייטשען אריגינאל איבערזעצט

דורך

ש. אבעל

ארויסגעגעבען פון דער

אמעריקאנער ציוניסטישער פעדעריישאן

צום צוואנציגסטען יאהר פון ציוניסטישען קאנגרעס

ניו יארק, תרע"ח

פרייז 12 סענט

עפענונגס־רעדע צום ערשטען קאָנגרעס

(געהאלטען אין באזעל, 29 אויגוסט, 1897)

געעהרטע קאָנגרעס מיטגליעדער! אלס איינער פון די צוזאמענרופער פון דיזען קאָנגרעס, איז מיר צוגעפאלען דער כבוד אייך צו בעגריסען. איך וויל דאָס טהאָן אין וועניג ווערטער, וואָרים יעדער פון אונז טהוט א טובה אונזער זאך, ווען ער שפּארט די טייערע מינוטען פון דעם קאָנגרעס. אין דריי טעג האָבען מיר צו בעזאָרגען א סך וויכטיגעס. מיר ווילען לייגען דעם גרונדשטיין פון דעם הויז, וואָס וועט אמאָל אויפנעהמען דאָס אידישע פאָלק. דאָס איז אזא גרויסע זאך, אז מיר דארפען דערפון רעדען נור אין גאַנץ פּשוט'ע ווערטער. אזוי ווייט ווי עס לאָזט זיך שוין יעצט פאָראויסזאגען, וועט אין דיזע דריי טעג געגעבען ווערען אן איבערבליק איבער דעם יעצטיגען צושטאַנד פון דער אידישער פראגע. דער געוואלטיגער מאטעריאל איז פר־נאנדערגעטהיילט צווישען אונזערע בעריכט־אָבגעבער.

מיר וועלען הערען בעריכטען איבער דער לאגע פון די אידען אין די איינצעלנע לענדער. איהר אלע ווייסט, הגם אפשר נור בדרך כלל, אז דיזע לאגע איז, מיט וועניג אויסנאהמען, ניט פרעהליך. וואָלט עס אנדערש גע־ווען, וואָלטען מיר שווערליך דאָ צוזאמענגעקומען. הגם די צוואָרפענע טהיילען פון אידישען פאָלק האָבען אומעדום געמוזט ליידען עהנליכע צרות, איז דאָך די געמיינזאמקייט פון אונזער געשיכטע איבערגעריסען געוואָרען שוין זעהר לאנג. ערשט אין אונזער צייט איז מעגליך געוואָרען דורך די וואונדער אין וועלט־פערקעהר, אז די פונאנדערגעריסענע זאָלען זיך צוזאמענ־רעדען און פערבינדען. און אין דיזער צייט, וועלכע איז אין אלץ אזוי הויך, זעהען און פיהלען מיר ווי עס רינגעלט אונז ארום איבעראל די אלטע שנאה. אנטיסעמיטיזם איז דער אייך צו גוט בעקאנטער נייער נאָמען פון דער בע־וועגונג. דער ערשטער איינדרוק וואָס דאָס האָט געמאכט אויף אונזערע היינטיגע אידען איז געווען איבערראשונג, נאָך וועלכער עס זיינען געקומען צער און צאָרן. אונזערע געגנער ווייסען אפשר גאָרניט, ווי טיעף זיי האָבען פערוואונדעט גראד די פון אונז וועמען זיי האָבען פיללייכט ניט געמיינט צו טרעפען צו אלערערשט. דאָס היינטיגע געבילדעטע יודענטהום, וועלכעס איז ארויסגעוואקסען פון דער גהעטא און האָט אוועקגעוואָרפען שאכער־מאכער,

האָט געקריגען א שטאָך אין מיטען הארצען. היינט קענען מיר עס רוהיג
זאָגען, ניט ציהענדיג אויף אונז דעם חשד, אז מיר אפּעלירען צום טרעהרען־
קוואל פון אונזערע געגנער. מיר ווייסען וואו מיר האלטען.

פון אייביג אָן האָט די וועלט אונז שלעכט געקענט. דאָס געפיהל פון
אחדות, וואָס מען האָט אונז אזוי אָפט און צאָרניג פאָרגעוואָרפען, האָט שוין
געהאלטען ביים אָבשטארבען, ווען דער אַנטיסעמיטיזם איז אויף אונז אָנ־
געפאלען. ער האָט דיזען געפיהל ווידער געשטארקט. מיר זיינען אזוי צו
זאָגען, געגאנגען צוריק א היים. דער ציוניזם קעהרט אונז
צוריק צום יודענטהום נאָך איידער ער ברייננגט
אונז צוריק אין אידישען לאנד. מיר, די אהיים גע־
קומענע זיהן, געפינען אין פאטערליכען הויז מאנכעס וואָס דארף נעטהיג
אויסגעבעסערט ווערען; מיר האָבען, נעמליך, ברידער אויף דער טיעפסטער
מדרגה פון עלענד. מען הייסט אונז אָבער זיין ווילקאָמען אינ׳ם אלטען הויז,
ווייל עס איז גוט בעקאנט, אז מיר טראָגען זיך ניט מיט דעם העזה׳דיגען גע־
דאנק צו לייגען די האנד אויף דעם וואָס איז פערעהרט און פערהייליגט.
דאָס וועט זיך ארויסווייזען ביים פונאנדערוויקלען פון דער ציוניסטישער
פּראָגראַם.

עטוואס וואס איז מערקווירדיג, וואס איז פריהער געהאלטען געוואָרען
אלס אונמעגליך, האָט דער ציוניזם שוין דורכגעפיהרט: ער האָט ענג פער־
בונדען די היינטוועלטיגסטע עלעמענטען פון יודענטהום מיט די עכט אלט־
מאָדישע. אזוי ווי דאָס האָט פּאסירט אָהן מיאוסע נאָכגעבענישען פון איין
צד אָדער פון צווייטען, אָהן גייסטיגע קרבנות, איז דאָס א נייער בעוויז, אז
אידען זיינען א פאלק. אזא פערבינדונג איז מעגליך נור אויף א נאציאָנא־
לער באזיס.

עס וועלען דאָ אויך זיין דעבאטען וועגען אָן אָרגאניזאציאָן, וואָס די
נויטיגקייט דערפון פערשטעהט יעדער. די אָרגאניזאציאָן איז דער בעוויז
אויף דאָס שכל׳דיגע אין א בעוועגונג. דאָ אָבער איז פאראן א פּונקט, וועל־
כען מיר מוזען בעגרינדען מיט אזוי פיעל קלאָרהייט און אזוי ענערגיש ווי
מיר קאָנען נור. אויף צו לעזען די אידישע פראגע ווילען מיר, ציוניסטען,
ניט קיין אינטערנאציאָנאלע חברה, נור א אינטערנאציאָנאלע דיסקוסיאָן.
דער אונטערשיעד איז פאר אונז פון העכסטער וויכטיגקייט, אזוי אז איך
דארף דאָס ניט ערשט אויסטייטשען פאר אייך. דיזער אונטערשיעד מאכט
אויך דאָס צוזאמענרופען פון אונזער קאָנגרעס געזעצליך בערעכטיגט. מיר
זיינען ניט אויסען אויף שטילע חברות, געהיימע פּאָליטיק־טרייבעריי און
הינטערוועגען, מיר ווילען נור פריי און אָפען ארומרעדען אונזער זאך אונטער
דער שטענדיגער און פאָלשטענדיגער קאָנטראָלע פון דער עפענטליכער מיינונג.
איינער פון די נאָהענטסטע ערפאָלגען פון אונזער בעוועגונג, וועלכער לאָזט

זיך שוין יעצט מערקען אין גרויסע שטריכען, וועט זיין דאָס וואָס מיר וועלען פון דער אידענפראגע מאַכען א ציון־פּראַגע.

צו אַזאַ גרויסער פאָלקס־בעוועגונג מוז מען זיך נעהמען פון פיעלע זייטען. דער קאָנגרעס וועט זיך דארום בעשעפטיגען אויך מיט די גייסטיגע מיטלען פאר די אויפלעבונג און אויפהאלטונג פון דעם אידישען נאציאנאַלען בעוואוסטזיין. אויך אויף דיזען פונקט ווערען מיר שלעכט פערשטאַנען. מיר האָבען ניט בדעה אויפצוגעבען אפילו איין שפּאַן פון דער קולטור, וואס מיר האָבען אונז ערווארבען, נור מיר דענקען צו פערטיעפען די קולטור, וועל־בעס קומט ממילא מיט מעהר וויסען.

איבריגענס האָט מען שוין פון אלטע צייטען פיעל ווענינער צו בעקלאָ־גען זיך אויף דאָס גייסטיגע לעבען פון די אידען, ווי אויף זייער פיזישען צושטאַנד. דאָס האָבען פערשטאַנען די פראקטישע פאָראויסגעהער פון דעם יעצטיגען ציוניזם, ווען זיי האָבען אָנגעפאַנגען מיט א אידישען אקערבוי. וועגען דיזע קאָלאָניזאציאנס־פּראָבען אין פאלעסטינא און ארגענטינא קענען מיר ניט און וועלען מיר ניט רעדען אנדערש ווי מיט אמת'ער דאנקבארקייט. דאָס איז אָבער געווען נור דאָס ערשטע, ניט דאָס לעצטע וואָרט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. די בעוועגונג מוז גרעסער זיין, ווען ניט קען זי איבערהויפּט ניט זיין. א פאָלק קאָן זיך נור אליין העלפען. קאָן עס ניט, דאַן קאָן מען איהם פשוט ניט העלפען. מיר ציוניסטען ווילען אָבער אויפוועקען דאָס פאָלק צו זעלבסטהילף. דערביי זאָל מען אָבער ניט וועקען קיינע צו־פריהע, אונגעזונטע האָפנונגען. אויך צוליעב דעם איז די עפענטליכקייט פון אונזערע פערהאנדלונגען, ווי אונזער קאָנגרעס וויל עס האָבען, פון הויכען ווערטה. ווער עס בעטראַכט די זאַך רוהיג, דער מוז זיך אליין זאָגען, אז דער ציוניזם קאָן ניט דערגרייכען זיין ציעל אויף קיין שום אנדער אופן, סיי־דען דורך אויסשמועסען זיך גאַנץ פריי מיט די פעראינטערעסירטע פּאָליטי־שע דעה־האָבערס. די גזירות וועגען קאָלאָניזאציאָן זיינען, ווי בעקאַנט, ניט ארויסגערופען געוואָרען ערשט דורך דעם ציוניזם אין זיין איצטיגער גע־שטאַלט. מען מוז זיך פרעגען, וואָס פאר אן אינטערעס האָבען אייגענטליך די דערצעהלער פון אזעלכע לעגענדען. דאָס פערטרויען פון דער רעגיערונג, מיט וועלכער מען וויל פערהאנדלען וועגען בעזעצען אידישע פאָלקס־מאסען אין א גרויסען מאסשטאב, קאָן מען געווינען דורך אן אָפענע שפּראַך און געטרייע האנדלונג. א גאַנץ פאָלק קאָן אָנבאַטען אלס געגען־טובה אזעלכע בעדייטענדע פאָרטיילען, וואס גיבען דער אונטערהאנדלונג א גענוג ערנסטען כאראַקטער פון אָנפאַנג אָן. אין וועלכער רעכטליכער פאָרם דער אָבמאַך זאָל לסוף געשלאָסען ווערען, וועגען דעם איז איצט צו פריה צו פערלירען פיעל ווערטער. נור ביי איין זאַך מוז מען זיך האַלטען גאַנץ פעסט : דער פונ־דאמענט מוז זיין געבויט אויף רעכט, ניט אויף דולדונג. מיט דער טאָלע־

ראנץ און מיט „שוץ" פאר אידען „אויף ביז א צייט", האָבען מיר שוין גע־מאַכט גענוג ערפאהרונגען.

אונזער בעוועגונג נעהמט דארום אָן א שכל'דיגען גאנג נור דאן, ווען זי שטרעבט צו קריגען עפענטליך־רעכטליכע ערבות. די ביזהעריגע קאָלאָ־ניזאציאָן האָט דערגרייכט דאס וואס זי האָט געקאָנט דערגרייכען לויט איהר כאראקטער. זי האָט בעוויזען די טויגליכקייט פון אידען פאר לאנדארבייט, א זאך וואָס איז פיעל געלייקענט געוואָרען. זי האָט געבראכט דיזען בעווייז לזכרון עולם. אָבער זי איז ניט די לעזונג פון דער אידענפראגע, און זי קאָן דאָס ניט ווערען אין איהר ביזהעריגער פאָרם. זי האָט אפילו — לאָמיר עס אָפען מודה זיין — ניט געפונען קיין גרויסען אָבקלאַנג ביים עולם. פאַר וואָס? ווייל די אידען קענען רעכענען, מען זאָגט אפילו, אז זיי קענען עס צו גוט. אויב מיר וועלען אָננעהמען, אז עס זיינען פאראן ניין מיליאָן אי־דען, און אז דער קאָלאָניזאציאָן וועט געלינגען צו בעזעצען אין פאַלעסטינא צעהן טויזענד נפשות יעדען יאָהר, דאַן וועט די לעזונג פון דער אידענפראגע פאָדערען ניין הונדערט יאָהר. דאָס זעהט גיט אויס פראַקטיש.

מיר ווייסען אָבער אז די ציפער פון צעהן טויזענד קאָלאָניסטען א יאָהר איז א מורא'דיגע גוזמא, דאָס הייסט אונטער די איצטיגע פערהעלטניסע. ביי אַזאַ ציפער וואָלט די טערקישע רעגיערונג תיכף אָבגעפרישט דעם אלטען איסור אויף איינוואַנדערונג, — און געגען דעם וואָלטען מיר זיך גראד ניט בעקלאָגט. וואָרום ווער עס גלויבט, אַז אויך אין דעם לאַנד פון זייערע אור־עלטערן קענען די אידען זיך אריינשמוגלען, דער נאַרט זיך אָדער ער נאַרט אַנדערע. דאָס בעווייזען זיך פון אידען וועט אין ערגיץ ניט וואַרפען זיך אַזוי אין די אויגען ווי אין דער היסטאָרישער היים פונ'ם פאָלק, גראד ווייל עס איז די היסטאָרישע היים. און עס וואָלט אויך פאר אונז לחלוטין קיין טובה ניט געווען צו קומען אהין פאַר דער צייט. די איינוואַנדערונג פון די אידען מיינט א צוואוואוקס פון זעהר גרויסע כחות פאר דאָס פעראָרימטע לאַנד, אָפילו פאַר דער גאנצער אָסמאַנישער אימפעריע. זיין מאַיעסטעט, דער סולטאַן, האָט איבריגענס געהאט די בעסטע ערפאהרונגען מיט זיינע אידישע אונטערטהאַנען, גראד אַזוי ווי ער איז אויך געווען א גוטער הערשער צו זיי. מיר האָבען דא אַלזא בעדינגונגען, וועלכע קענען פיהרען צום ציעל, ווען מען זאָל די גאַנצע זאך קלוג און גליקליך בעהאַנדלען. די פינאַנציעלע הילף, וואָס די אידען קענען אנבאָטען דער טערקיי, איז ניט אונבעדייטענד, און זי וואָלט געקענט בעזייטיגען מאַנכע אינערע צרה פון וועלכע דיזעס לאַנד ליידעט איצט. ווען צוזאַמען מיט דער אידענפראַגע וועט אויך פערענט־פערט ווערען א שטיק מזרח־פראגע, דאַן איז עס געווים א טובה פאַר אַלע קולטור־פעלקער. א אידישער ישוב וואָלט אויך געפיהרט צו א בעסערונג אין דער לאַגע פון די קריסטען אין די מזרח לענדער.

אָבער ניט נור פון דיזער זייט מעג דער ציוניזם ערוואַרטען די סימ־פאַטהיען פון די פעלקער. איהר ווייסט אז דער קאַמפּף וועגען אידען איז אין מאנכע לענדער געוואָרען אַן אונגליק פאַר דער רעגיערונג. נעהמט זי זיך אָן פאַר די אידען, דאַן שטעלט זי אויף געגען זיך די אויפגערייצטע מאַסען. שטעלט זי זיך געגען די אידען, דאַן פיהרט עס אָפט צו שווערע עקאָנאָמישע רעזולטאַטען, צוליעב דעם בעזונדערען איינפלוס פון אידען אויף דעם וועלט־מסחר. ביישפּיעלען דערצו זעהט מען אין רוסלאַנד. און אויב די רעגיע־רונג פערהאלט זיך נייטראַל, דאַן בעטראַכטען זיך די אידען אלס איבער־געלאָזען פון איהר אויף הפקר און זוכען רעטונג אין רעוואָלוציאָנערע בע־וועגונגען. דער ציוניזם אָבער, וועלכער איז די אידישע זעלבסטהילף, עפענט דעם אויסוועג פון דיזע פּיעלזייטיגע און משונה'דיגע שוועריגקייטען. דער ציוניזם קומט פּשוט אַלס שלום־מאַכער. געוויס געהט עס איהם דערביי ווי עס געהט געוועהנליך שלום־מאַכערס: ער מוז זיך אָרומרייסען מעהר ווי אַלע. נור ווען עס קומט פאָר, אַז צווישען די מעהר אָדער ווענינער עהרליכע טענות געגען אונזער בעוועגונג, וויל מען אונז אויך בעשולדיגען אין מאַנגעל פון פּאַטריאָטיזם, דאַן פאַלט דיזער חשד פון זיך. וועגען אַן אויסוואַנדערונג פון אַלע אידען קען אין ערגיץ די רעדע ניט זיין. די וואָס קאָנען אָדער ווילען זיך אַסימילירען, וועלען בלייבען און פערשלונגען ווערען. ווען די אידישע וואַנדערונג וועט אָנפאַנגען אין בעסטער אָרדנונג, נאָך אַ געהעריגען אָבמאַך מיט אַלע פּאָליטישע מאַכט־האָבער, וועט זי אין יעדען לאַנד געדויערען נור אַזוי לאַנג, ווי וויים דאָס לאַנד איז צופריעדען איהרע אידען ארויסצולאָזען. ווי אַזוי וועט די אויסוואַנדערונג אבגעשטעלט ווע־רען? פּשוט דורך דעם וואָס דער אַנטיסעמיטיזם וועט ביסלעכווייז שוואַ־כער ווערען און וועט לסוף אין גאַנצען אויפהערען. אַזוי פערשטעהען מיר, אַזוי ערוואַרטען מיר די פערענטפערונג פון דער אידענפראַגע.

דאָס אַלץ האָב איך און מיינע פריינד אָפגעזאַגט. מיר ווילען ניט זשאַלעווען די טרחה עס צו זאָגען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל ביז מען וועט אונז פערשטעהן. ביי דיזער ערנסטער געלעגענהייט, וואו עס האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אידען פון אַזוי פּיעל לענדער אין ענטפער אויף אַ רוף, אויף דעם אַלטען רוף פון פּאָלק, היינט חזר'ען מיר איבער פייערליך אונזער איבערצייגונג. מוז ניט שוועבען איבער אונז אַ געפיהל פון גרויסע געשע־הענישען, ווען מיר בעטראַכטען, אַז אין דיזען אויגענבליק ווענדען זיך צו אונזער פערזאַמלונג די האָפנונגען און ערוואַרטונגען פון פּיעלע הונדערט־טויזענדע פון אונזער פּאָלק? אין ווייטע לענדער, איבער די ימים אפילו, וועט אין דער נעקסטער שעה לויפען די בשורה פון אונזערע בעראַטונגען און בעשלוסען. דאַריבער זאָל פון דיזען קאָנגרעס ארויסגעהן אויפקלערונג און בערוהיגונג. זאָל מען איבעראַל ערפאַהרען, אַז דער ציוניזם, וועלכען מען

האָט אויסגעטייטשט אַלס א מין משיח־בהלה, איז באמת א זעהר אנשטענ־דיגע, געזעצליכע, מענשענפריינדליכע בעוועגונג צום אַלטען ציעל פון דער בענקשאפט פון אונזער פאָלק. וואָס יחידים צווישען אונז האָבען געשריבען אָדער געזאָגט, אויף דעם קאָן מען ניט און מען דאַרף זיך ניט אָבשטעלען, — נור דאָס וואָס דער קאָנגרעס זאָגט ארויס. זאָל דארום דער קאָנגרעס, וועל־כער איז פון איצט אָן דער הערר איבער זיינע דעבאטען, זיך אויפפיהרען ווי א קלוגער הערר.

און ענדליך וועט דער קאָנגרעס זארגען וועגען זיין אייגענעם קיום, אזוי אז מיר זאָלען ניט ווידער זיך צולויפען אָהן א שפור און אָהן א ווירקונג. אין דעם קאָנגרעס שאפען מיר פאר דעם אידישען פאלק אן אָרגאַן, וועלכען ער האָט ביז יעצט ניט געהאט, וועלכען ער מוז אָבער נעטהיג האָבען, נעטהיג אין לעבען אריין. אונזער זאַך איז צו גרוים צו דיענען דער כבוד־זוכעניש און תקיפות פון איינצעלנע פערזאָנען. זיי מוזען דערהויבען ווערען צו אונפער־זענליכקייט, אויב מען וויל זי זאָל געלינגען. און אונזער קאָנגרעס זאָל לע־בען אייביג, ניט נור ביז מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון דער אַלטער נויט, נור ערשט רעכט נאָכדעם. הייגט זיינען מיר אויף דעם גאסטליכען באָדען פון דיזער פרייער שטאָדט, — וואו וועלען מיר איבער א יאָהר זיין?

אָבער וואו מיר זאָלען ניט זיין און ווי לאנג אונזער ארבייט זאָל ניט געדויערען, אונזער קאָנגרעס זאָל זיין ערנסט און הויך, פאר די אונגליקליכע צום גוטען, קיינעם ניט להכעיס, פאר אלע אידען א כבוד, און ווירדיג פאר זייער פערגאנגענהייט, וואָס איהר גלאנץ איז, הגם שוין ווייט, אָבער אייביג!

צווייטע קאָנגרעס־רעדע

(געהאלטען אין באזעל, 28 אויגוסט, 1898)

זייט מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל פערזאמעלט האָט דער ציוניזם דורכגעמאכט א קיילעכדיג יאָהר. היינט זיינען מיר ווידער דא צוזאמענגע־קומען, ווייל מיר האָבען ניט געקענט געפינען א בעסערען אָרט, און ווייל א באנד פון דאנקבארקייט פערקניפּט אונז יעצט מיט דיעזער שטאָדט, וואו אונזער בעוועגונג, פריהער א היימלאָזע, האָט געקאָנט ארויסזאָגען אַלע וואונשען און טענות פון געדריקטע מענשען.

די נייע אידישע בעוועגונג איז ארויפגעשוואומען פאר דער וועלט אלס א פרעמדע זאך, וואס פיעלע האָבען ניט געקאָנט בעגרייפען. מאנכע האָבען עס אָנגענומען אַלס א שאָטען פון פערגאנגענע צייטען, ווייל זיי האָבען גע־גלויבט, אז דאָס אידישע פאָלק איז טויט און פערשוואונדען. מיר אָבער האָבען געהאט א דונקעל געפיהל, איידער מיר האָבען עס קלאר געוואוסט, אז דאָס איז ניט אמת. דער טוידט איז דאָך א סוף צו אַלע ליידען, פון וואנען קומט עס דען וואָס מיר ליידען? דאָס ווערטעל פון דעם פילאָזאָף האָט ביי אונז זיך א ביסעל געענדערט: „איך לייד, לעב איך דאָך!“ און ביסלעכווייז, וואקסענדיג מיט יעדער נייער עולה, איז דאָס אונז געוואָרען אַלץ קלאָרער און קלאָרער, ביז אונזער פאָלקס־בעוואוסטזיין איז אויסגעוואקסען. ניט אַלע האָבען עס שוין, אָבער עס האָט אין זיך גענוג שטארקייט זיך צו פער־ברייטען. און באמת, עס איז געגאנגען ווייטער און ווייטער, איז אריין אין די מוחות און אין די הערצער, האָט אריבערגעוואונען אַלט און יונג, און דער ערשטער קאָנגרעס פון די ציוניסטען איז שוין געווען א דעמאָנסטראציאָן פון דיזען אויפגעלעבטען פאָלקס־בעוואוסטזיין. עס זיינען אָבער געווען מאנ־כע ערנסטע און שווערע איבערטראכטונגען געגען דאס צוזאמענרופען פון אזא פערזאמלונג פון בירגער פון פערשיעדענע לענדער. וועלען ניט אונזערע שונאים אויפהויבען געגען אונז די בעשולדיגונג, אז מיר ווילען שליסען אן אינטערנאציאנאַלען בונד געגען אונזערע קריסטליכע מיטבירגער? וועט ניט דורך דעם אונזער לאגע אין די איינצעלנע לענדער נאָך פערערגערט ווערען? אנטקעגען דעם האָבען מיר פון אָנפאנג אָן בעטאָנט מיט גרויס קלאָרקייט, און האָבען עס בעשטארקט דורך יעדע האנדלונג אונזערע, אז מיר ווילען

דורכאויס ניט קיין אינטערנאציאנאלען פעראיין, נור אן אינטערנאציאָנאלע דיסקוסיאָן. און מיר זאָלען עס דאָ נאָך אמאָל איבערזאָגען לזכרון עולם: עס קאָן ביי אונז זיך ניט האַנדלען וועגען שטילע חברות, געהיימע פּאָליטיק־טרייבעריי און הינטערוועגען, מיר ווילען נור אן אָפּענע בעשפּרעכונג פון אונזער געגענוואַרט און אונזער צוקונפט, אונטער דער שטענדיגער קאָנטראָלע פון דער עפענטליכער מיינונג.

אין אונזערע ווערטער האָט געמוזט זיין דער קלאַנג פון אמת, וואָרים דער קאָנגרעס האָט אַרויסגערופען א סך סימפּאַטיע, אפילו ביי יענע וואָס זיינען פריהער געווען גלייכגילטיג אָדער אונפריינדליך צו די אידען. יעדעס עהרליכע פאָלקסטהום, וואָס בעהאַלט זיך ניט אונטער פרעמדע מאַסקען, האָט א נאַטירליך רעכט געאַכטעט און געדולדעט צו ווערען פון די אַנדערע פעלקער, אַזוי לאַנג ווי עס איז ניט אויסען זיי צו שעדיגען. אפילו אין אונזערע טעג, וואָס זיינען פערפינסטערט פון אנטיסעמיטיזם, דאַרפען מיר ניט פערגעסען, אז ניט לאַנג צוריק איז געווען א פיינערע צייט, אין וועלכער אַלע קולטור־פעלקער האָבען אונז געשענקט גלייכבערעכטיגונג. זייער ווילען איז בלי ספק געווען א גוטער, אָבער דער רעזולטאַט איז ניט געווען צופריעדענשטעלענד. זיינען מיר אין דעם שולדיג, אָדער די אַנדערע? וואַהרשיינליךביידע צדדים, אָדער גיכער זיינען שולדיג אין דעם די אומשטענדען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט מיט דער צייט, און וועלכע לאָזען זיך ניט אָבשאַפען דורך געזעצען און בעפעהלען. די געזעצען זיינען געווען פריינדליכער פון די געוואָהנהייטען, און מיר האָבען דערלעבט דעם צוריקשטויס, די גרויסע חרטה פון די פעלקער, וואָס האָבען אונז נור וואָס אויפגענומען מיט גרוים חסד. אָבער פון דער עמאַנציפּאַציאָן, וועלכע קען דאָך שוין ניט מעהר צוריקגערופען ווערען, און פון דעם אנטיסעמיטיזם, וועלכער לאָזט זיך ניט פערלייקענען, לערנען מיר אַרויס א נייע גרויסע זאַך. דער היסטאָרישער מיין פון דער גלייכבערעכטיגונג האָט ניט געקאָנט זיין, אז מיר זאָלען ווערען אויס אידען, וואָרים ווען מיר האָבען געוואָלט זיך פערמישען מיט די אַנדערע האָט מען אונז געשטויסען צוריק. דער היסטאָרישער מיין פון דער גלייכבערעכטיגונג האָט גיכער געמוזט זיין, אז מיר זאָלען צוגרייטען א היים פאַר אונזער בעפרייטעם פאָלקסטהום. פריהער וואָלטען מיר דאָס ניט געקאָנט טהאָן. יעצט קאָנען מיר עס, אויב מיר ווילען עס ווילען מיט אונזער גאַנצען כח.

עס איז ניט גענוג אז מיר זאָלען פיהלען און וויסען, אז מיר זיינען א פאָלק. נאָך דעם פאָלקס־בעוואוסטזיין מוז ערוואַכען אויך דער פאָלקסווילען. אויף דיזען פונקט אָבער האָבען מיר געהאַט און האָבען מאַנכע שוועריגקייטען. אין די לאַנגע צרות האָבען מיר זיך אָבגעוועהנט פון געזונטען ווילען. מיר האָבען ביז איצט ניט געוואַגט אַרויסצוזאָגען הויך די שטרעבונגען, וואָס

יעדעס אנדער פאָלק, ניט נור בעהאַלט זיי ניט, נור היט זיי אָב אלס די גרעסטע געמיינשאפטליכע עהרע. און יעצט ווען מיר טוהען עס שוין, טרעפען מיר אָן א שטילע התנגדות פון לייטע, וואָס ליעבען קיינע ענדערונגען און צוליעב פוילקייט ווילען זיי בעסער בלייבען אפילו אין דער אונבעקוועמסטער לאַגע. מיר בעגעגנען אפילו א שנאה אין געוויסע זאַגענאַנטע אָפיציעלע אידישע קרייזען. דאָס האָט זיך בעזונדערס געוואָרפען אין די אויגען אין די פראָטעסטען פון עטליכע רבנים. עס וועט בלייבען א וואונדער אויף תמיד, ווי דיזע העררען בעטען פאר ציון און שטעלען זיך געגען ציון אין דערזעלבער צייט. דער ווידערשפרוך ערקלערט זיך מסתמא דערמיט, וואָס זיי זיינען אין אנפאנג אונזיכער אויב זייערע געמיינדען זיינען איינפערשטאַנען מיט דעם נייעם רוח נאָך ציון. אָבער א אידעע ווי אונזערע קאָן מען ניט איבערלאָזען אויף די מבינות פון די ביזהעריגע קהלה פיהרער און אויף די אייגענע פניות פון זייערע נשמה־פערזאָרגער. די ברייטע מאסען זיינען כמעט אומעטום מיט אונז. זיי בילדען און האלטען אויס די קהלות. עס מוז דארום געהאַנדעלט ווערען אין זייער זינן. צוליעב ברידערליכער שוינונג האָבען מיר ביז אהער ניט ארויסגעבראכט דיזע סתירה; אָבער ענדליך ווערט עס נעטהיג צו מאכען אין דעם אן ענדערונג. עס קאָן ניט לענגער אזוי בלייבען, אז אין אידישע קהלות זאָל מען אגיטירען געגען ציון. אזא צושטאנד איז געגען שכל און אונמעגליך. מיר מוזען מאכען א סוף דערצו. אין אלע מקומות, וואו די קהלה פיהרער געהערען ניט צו אונז שוין פון פריהער, מוז אָנגעפיהרט ווערען א וואהל־קאמפיין. מענער וואס זיינען ווירדיג און פעהיג צו פערנעהמען אזעלכע עהרען־שטעלען, און וועלכע שטעהען נאָהענט צו אונז אין זייער געזינונג, מוזען ארויסגעשטעלט און געוועהלט ווערען אין קהלה־הויז, אין נאָמען פון דער נאציאנאלער אידעע. עס טאָר ניט צוגעלאָזען ווערען, אז די קהלה זאָל ארויסשטעלען געגען דעם פאָלקס־געדאנק איהר אויטאָריטעט, איהרע געלדמיטלען און די פערזאָנען וואס זי האלט אויס. איך גלויב דארום, געעהרטע קאָנגרעס־מיטגליעדער, אז איך רעד אין אייער זינן, ווען איך שטעל אוועק דאָס איינגעהמען פון די קהלות אלס אונזער נעקסטעס ציעל.

דאָס איז אויך דער עהרליכער און געזעצליכער וועג, ווי אזוי ארויסצוברייגגען דעם ציוניסטישען פאָלקס־ווילען אין דער עפענטליכקייט, ניט נור אויף דער איינמאָליגער יעהרליכער בעראטונג, צו וועלכער מיר זיינען דאָ פערזאמעלט, נור אין דעם טאג־טעגליכען ווירקען, און צו גלייכער צייט אין אלע ערטער, וואו אידען וואוינען. עס איז ניט גענוג, אז מ י ר זאָלען ווייסען ווי ווייט דער ציוניסטישער געדאנק איז אריינגעדרונגען אונטער די אידען; זאָלען אלע זעהן דעם פאקט. דאָס וואהל־צעטעל איז דאָס פאַסענדסטע און כשר'סטע מיטעל דערצו.

אין ניט־אידישע קרייזען האָבען אונזערע שטרעבונגען שוין ארויסגע־

רופען וויכטיגע סימפּאַטיען. מען צווייפעלט נור, אויב מיר ציוניסטען זיי־
נען ניט אַן איינזאַם משונה'דיג הייפעל, וואָס זייערע הבטחות און כונות
האָבען קיין שום געוויכט. דאָס איינגעהמען פון די געמיינדען וועט בעווייז־
זען וואָס מיר פערמאָגען.

ווען מיר זוכען און ווענדען זיך אויך צו די סימפּאַטיען פון דער ניט־
אידישער וועלט פאַר אונזערע שטרעבונגען, געפינט מען אויך דאַביי עפּעס
אויסצוזעצען. יאַ, דיזעלבע לייט, וועלכע וואַרפען אונז פאַר, אַז דער ציוניזם
שטעלט אויף נייע מחיצות צווישען מענשען, קריטיזירען אונז פאַר אָננעהמען
די פריינדשאַפט פון קריסטליכע ציוניסטען. פאַר אונז אָבער איז עס ניט
בלויז אַ זאַך פון געמיינעם אייגעננוץ, ווען מיר דריקען די הענד וואָס ווערען
צו אונז אויסגעשטרעקט אַזוי פריינדליך. מעהר ווי אַלץ זעהט זיך אין דעם
דער כח פאַר שלום וואָס ליעגט אין דעם ציוניזם. געדאַנקען וואָס זיינען
פריי פון שנאה ווערען געשטאַרקט אויף דיזען באָדען. מיר האַלטען זיך
טריי און פעסט ביי אונזער יודענטהום, און פונדעסטוועגען געווינען מיר
פריינדע, וואָס זיינען גאַנץ ריין פון אייגענע פניות. איז דאָס אַזוי שלעכט?
מיר, וואָס ווילען כלומר'שט שאַפען נייע מחיצות, ברייגנען די מענשען נע־
הענטער איינער צום צווייטען אויף אַ מילדען וועג. מיר ווענדען אויף דעם
ניט אָן קיינע פּוצען; מיר גיבען זיך נור אָן אַלס דאָס וואָס מיר זיינען;
מיר זאָגען פּשוט דעם אמת.

און עס איז אויך אַן אמת, אַז מיר דאַרפען אַזעלכע פריינד. דאָס ווערק
וואָס מיר האָבען בדעה צו שאַפען ווילען מיר טאַקע דורכפיהרען מיט אייגע־
נע כחות. אָבער דאַביי מוזען מיר האָבען אַרום אונז פיעל פריינדליכקייט,
ווען ניט וועט עס ניט געלינגען. מיט וואָס פערדיענען מיר דיזע פריינדליכ־
קייט? דערמיט וואָס מיר פערענטפערען אַ פראַגע, וועלכע ליעגט ווי אַ
לאַסט אויף פיעלע לענדער, און וועלכע קאָן ניט פערענטפערט ווערען אָהן
אונזער מיטווירקונג. וואָרים די אידענפראַגע איז פאַר מאַנכע מדינות אַ
שווערע פּלאַג. ווען עס וועט בעשפּראָכען ווערען די אַלגעמיינע לאַגע אין
פערגאַנגענעם יאָהר, וועט איהר הערען ווי צאָהלרייך עס זיינען ליידער געווען
אויך היינטיגס יאָהר די בעווייזע פיר די נויטווענדיגקייט פונ'ם ציוניזם.
דער אידענהאָס שפּרינגט אַרויס אָט דאָ און אָט דאָרט, אָט אין דרום און אָט
אין צפון. מעג עס זיין דאָס קולטורעלסטע לאַנד אין וויטסטען מערב,
איהר טרעפט דאָרט די אַלטע העטצערייען; מעג עס זיין די אָבגעשטאַנענ־
סטע האַלב־ציוויליזירטע אומה, זי וויסט די נייסטע פּאָרמען און מימרות;
דער המון לויפט פּלוצלונג ווילד דורך די גאַסען, און ביים שיין פון פייער
ווערט צושטערט אידיש האָב און גוטס, אַמאָל צוזאַמען מיט דעם אייגענ־
טהימער.

אָבער דאָס איז ניט דאָס ערגסטע. ניט די בלוטפערגיסונג, ניט די

הזיקות, ניט די שימפּפּערייען זיינען דאָס ערגסטע. דיזע אונרוהען שעדיגען שווער די צוואוועהטאָגטע נשמה פון אונזער פאָלק. זיי גראָבען אונטער וואָס ווייטער אַלץ מעהר איהר געפיהל פון רעכט און עהרע, זיי מאַכען די ליידענדע פאר שונאים צו דער שטיעפמוטערישער געזעלשאפט, אין וועלכער אזעלכעס קאָן פאָרקומען. מיר דארפען זיך ניט וואונדערען וואס מיר געפינען דיזע פראָלעטאריער שבפּראָלעטאריער, דיזע פערצווייפעלסטע פון אלע מענשען, אין אלע עקסטרעמסטע רעוואָלוציאָנערע פארטייען. מיר זאָלען זיך ניט וואונדערן. מיר זאָלען בעסער זיך בעמיהען צו ברייגען בעסערונג.

פון שטאאטסמענער מיט א ווייטען בליק מעג מען פיליכט ערווארטען, אז זיי זאָלען איינזעהן די סכנה פאר דער געזעלשאפט, וועלכע ליעגט אין דער ניט פערענטפערטער אידענפראגע. מען זאָגט געוועהנליך, אז די אידען זיינען א צושטערענדער עלעמענט. פוןביידע זייטען ווערען אָבגעטהאָן איין עולה נאָך דער צווייטער. ווען מיר ווילען אָבער מאכען פון די אידען א בויענדען עלעמענט, פאָדערט די געזונטע לאָגיק, אז אלע יענע וואָס ווילען ניט, אז די אידען זאָלען אלעס צושטערען, מוזען אונז אונטערשטיצען. מיר זיינען גרייט צו ברייגגען די בוי-צייט פון יודענטהום — מיר האָבען אלץ וואָס פאָדערט זיך דערצו איבער גענוג: די מענשען, דאס מאטעריאל, די פּלענער. מיר דארפען נאָך נור איינס — דעם בויפּלאַץ.

אמת, דער בויפּלאַץ וואס טויג פאר אונז איז פון א בעזונדער מין. קיין שטיקעל ערד איז ניט אזוי בעגעהרט געווארען ווי דיזער, און אזוי שטארק האָבען פיעל פעלקער איהם געווינשט צו האָבען, אז פון אלע הייסע וועלעני־שען איז ער געבליבען פערדארט. מיר אָבער גלויבען, אז דיזער פערוויסטע־טער ווינקעל אין מזרח האָט ניט נור א פערגאנגענהייט, נור אויך א צוקונפט, גראד ווי מיר אליין. אויף דיזען באָדען, אויף וועלכען עס וואקסט יעצט אזוי וועניג, זיינען געוואקסען אידעען פאר דער גאנצער מענשהייט. און דוקא דארום וועט קיינער ניט קאָנען לייקענען, אז צווישען אונזער פאָלק און דיזען לאנד איז פאראן א שיכות וואָס די צייט קאָן ניט אָבווישען. אויב עס גיט איבערהויפּט א געזעצליכע טענה אויף א שטיק ערד, דאן מוזען אלע פעלקער וואָס גלויבען אין דער ביבעל, אנערקענען דאָס אידישע רעכט. זיי קאָנען עס אָבער אויך מודה זיין אָהן קנאה און אָהן זאָרג, ווייל די אידען זיינען ניט קיין פּאָליטישע מאכט, און וועלען עס קיינמאָל מעהר ניט זיין.

ווי וואָלט זיין ווען דיזעס לאנד זאָל פערנומען ווערען פון איינער פון די עקזעסטירענדע מעכטע, עס מאכט ניט אויס וועלכע, — דאָס איז אן אנדער פראגע. דאָס לאנד איז ניט נור די היים פון די העכסטע אידעען און פון אונגליקליכסטען פאָלק, עס איז אויך צוליעב איהר געאָגראפישער לאגע פון בעדייטענדער וויכטיגקייט פאר גאנץ אייראפּא. מיט דער צייט, און דאָס קען ניט זיין וויט אוועק, וועט דא ווערען א קולטור־ און האנדעלס־

וועג נאָך אזיען. אזיען איז דאָס דיפּלאָמאטישע פּראָבלעם פון נעקסטען צעהנדליג יאָהר. אָהן א ברעקעל גאוה מעגען מיר דאָס פיליכט דערמאָנען, אז מיר ציוניסטען, וואס ווערען אזוי לייכט געהאלטען פאר אונפּראקטיש, האָבען פערשטאנען און פאָראויסגעזאָגט דיזע שפּעטערדיגע ענטוויקלונג פון אייראָפּעאישער קאָנקורענץ עטליכע יאָהר פריהער. מען זעהט שוין היינט ווי אזוי דאָס געהט. איהר ווייסט ווי אזוי אויפמערקזאם מען בעוואכט יעדען שריט וואס א רעגיערונג נעהמט אין דיזער ריכטונג. ווען דער היינט־וועלטיגסטער הערשער פון דער בעוואוינטער ערד געהט אין גיכען אונטער־נעהמען א רייזע נאָך די הייליגע ערטער, הערט מען אין די פּירושים, וואס די עפענטליכע מיינונג מאכט דארויף אין אלע לענדער א געוויסע מורא, אפילו אָן אָפענע פיינדשאפט אין מאנכע שטעלען. דיזעם לאנד וועט קיינ־מאָל ניט ווערען דער בעזיץ פון אן איינציגער גרויסמאכט, ווייל מען היט עס אזוי גוט; ניט נור די יעצטיגע הערשער, נור אויך אלע אנדערע בע־וואכען עס פאָרזיכטיג.

וועט עס אפשר מוזען פערבלייבען אויף תמיד אין דעם יעצטיגען צו־שטאנד? דאָס וואָלט געווען פאר אלעמען צו בעדויערען, ווייל דערפון הענ־גען אָב צוויי אלגעמיינע נויטווענדיגקייטען פון קולטור און געשעפטס־פער־קעהר. די אָסמאנישע מדינה האָט אין דער לעצטער מלחמה פון דאָס ניי ארויסגעוויזען איהר אונצושטערבארע לעבענסקראפט. די טערקען האָבען די פיינסטע מעלות, זיי זיינען העלדיש, גרויסמוטיג, פעהיג צו בריינגען קרבנות — נור די מעלות וואָס זיינען נעטהיג צו קולטיווירען א לאנד און איינפיהרען אינדוסטריע, דאס בעזיצען זיי ניט. דאָס איז א פאקט. דארום וואָלט עס פאר זיי געווען א שטארקונג, א בערייכערונג, ווען מען בריינגט זיי א פריעדליכעס פאָלק, מיט חשק צו אונטערנעהמונגען, וועלכעס בעזיצט גראד די מעלות וואָס פעהלען דאָרט.

עס איז יעצט אונזער אויפגאבע, און מיר ארבייטען דארויף אָהן אויפ־הער, צו שאפען די תנאים פון א פערשטענדיגונג אין דיזער הינזיכט. מיר מעגען זאגען, אז די טערקישע רעגיערונג איז גוט בעקאנט מיט דער געטריי־שאפט פון אונזערע שטרעבונגען. מיר ווילען קיינעם ניט אריינ׳גנב׳ענען, מיר ווילען איבערהויפּט דאָרט קיין זאך ניט אויפטהאָן אָהן אן אָבמאך אין פאָראויס. עס איז גאָר ניט אונז לטובה, אז מיר זאָלען די טערקיי עקאָנאָמיש שטארקען, ווען מיר קריגען דערפאר גארניט צוריק. די גאנצע זאך דארף געמאכט ווערען לויט דעם פּשוט׳ען רעצעפּט פון דער וועלט: איך גיב, כדי דו זאָלסט געבען!

יעצט איז די פראגע ווי מאכט מען דאָס. שוין אויף דעם ערשטען קאָנגרעס האָבען מיר פערשטאנען די נויטיגקייט צו שאפען א פינאנציעלען אינסטרומענט פיר די צוועקען פון אונזער בעוועגונג. דאָס זאָל זיין די אי־

דישע קאָלאָניאַלבאַנק. עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, אַז אונזערע אידישע געגנער ווילען דורכאויס ניט צוגעבען, אַז מיר זיינען פעהיג אויסצופיהרען אַזאַ ארבייט. אָבער אין אונזערע רייהען שטעהען ניט נור קינסטלער און פילאָזאָפען, געלעהרטע און זשורנאַליסטען, אדוואָקאַטען, ערצטע און טעכ־ניקער, נור אויך אַ היבשע צאהל באַנקירען און סוחרים פון גאַר דער וועלט. דאָס איז צום ערשטען מאָל, אַז מען זאָל צווייפלען אויב אידען קענען מאַכען אַ באַנק — און אויך דאָס מאָל האָבען די צווייפלער געהאַט אַ טעות. די אידישע קאָלאָניאַלבאַנק וועט אין גיכען זיין אַ פאַקט ווי געפּלאַנט. לויט די רעזולטאַטען פון דער באַנק־קאָנפערענץ מעגען מיר אָננעהמען, אַז די אידישע קאָלאָניאַלבאַנק וועט אָנהויבען איהר געשעפטליכע טהעטיגקייט נאָך אין לויף פון דיזען יאָהר. וויטער וויל איך ניט פאָראויסלויפען דעם בע־ריכט, וועלכען איהר וועט הערען פון די בעאויפטראַגטע פאַכמענער.

מען וועט אייך פאָרלייגען נאָך אַ סך אַנדערע בעריכטען. פון זיי וועט איהר, האָף איך, ארויסזעהען, אַז דיזעס יאָהר איז ניט אוועק אָהן נוצען און אַז מיר געהען צו אונזער ציעל מיט געדולד, ליעבע און האָפנונג. אויך אויסער דיזען זאַאל וועט מען איינזעהן, אַז מיר טראַגען זיך ניט ארום מיט פעררייסענע חלומות, מיט נאַרישע אָדער אונגערעכטע פערלאַנגען, נור אַז מיר ווילען בלויז אַן ארבייטס־עקזיסטענץ פאַר אונזער אָרעם פאָלק, ווייל מיר ערוואַרטען, אַז געזיכערטע ארבייט איז די איינציגע זאַך וואָס וועט איהם הויבען זיטליך און קערפערליך. דאַרום, נור דאַרום ווילען מיר פערזאַמלען אונזער פאָלק אונטער איין אידעאַל.

דאָס מוז געפעלען אויך די אנגעהעריגע פון אַנדערע נאַציאָנען. און אין דיזער פרייער, גאַסטפריינדליכער שטאָדט האָבען מיר ערהאַלטען דעם ערשטען בעווייז. פאָרגעסטערן, דעם טאָג פון סאַנקט יאַקאָב, זיינען אין אבענד געקומען צוריק די מחנות פון יום טוב. עס האָט דערמאַנט אַן די שענע געשיכטע פון די זיעבען גראַדע מענער, פון גאָטפריעד קעללער, דער אויס־געצייכענטער שווייצאַרישער דיכטער. דורכאויס גרופען פון גראַדע לייט, וואָס ווילען אויפהאַלטען אַ מענליכען כאַראַקטער אין זייער געזונטען קער־פּער. איינע פון אונזערע געעהרטע דאַמען האָט זיי בעגריסט מיט איהר טיכעל, און דאָס איז געוועזען דער סיגנאַל פאַר אַ דעמאָנסטראַציאָן, וועלכע מיר ווילען קיינמאָל ניט פערגעסען. די מאַרשירענדע גרופען האָבען פאַרביי־געהענדיג געגריסט אונזערע לייט, וועלכע האָבען זיי בעגעגענט מיט שמחה, און פון דער גאַס ארויף האָט געדונערט אַ נייער אונערוואַרטעטער רוף: „האָך די יודען!" ניט איינעם פון אונז האָבען זיך דערביי געשטעלט טרעה־רען אין די אויגען. די וואָס האָבען זיך ניט פערלאָרען אונטער אלערליי נגישות, אונטער די אונגערעכטסטע בעליידיגונגען, קאָנען זיך פערלירען אין אַזאַ מאָמענט.

איז אָט דער באַזעלער אויסגעשריי שוין אַן אָנפאַנג פון פריינדליכערע צייטען? דאָס קאָנען מיר ניט וויסען. מיר קאָנען אָבער זיך פאַרנעהמען, מיר זאָלען ווערט זיין אַזעלכע אויסגעשרייען. מיר האָבען זיך געהאַלטען פעסט אין די ערגסטע צייטען, לאָמיר זיין דאַנקבאַר און בעשיידען, ווען עס וועלען אַמאָל קומען בעסערע צייטען. און ווי אַזוי מוזען מיר זיך פאַר־שטעלען אָט די בעסערע צייטען, וועלכע מיר קענען נאָך ניט היינט זעהן בחוש? וועלען זיי אונז ברייגגען ניט מעהר ווי אייגען לאַנד, מעהר כבוד, אונגעשטערטע רוה? ניין! גראַד די פון אונז וואָס זיינען היינט גרייט צו געבען דערצו זייער גאַנץ לעבען, וואָלטען בעדויערט וואָס זיי האָבען געמאַכט אַפילו איין שריט דערפאַר, אויב עס זאָל נור געלינגען איינצוריכטען אַ נייע און ניט אויך אַ מעהר געערכטע געזעלשאַפט.

בעסערע צייטען פאַר אונז, אָבער אויך פאַר די אַנדערע, אין וועמענס אינטערעסען מיר ווילען ווידער זיין די ערשטע אויסצוטרעטען נייע וועגען אויף איינענעם חשבון. דערצו איז ניט נעטהיג קיין העכערער, קיין מעהר וואונדערליכער צושטאַנד פון קולטור, ווי דער וואָס איז שוין יעצט פאַראַן. מען זאָל אָבער בענוצען די קולטור־מיטלען, בענוצען פיר מענשליכקייט. און מיר גלויבען, אַז אונזער פאָלק וועט עס פערשטעהן, ווייל עס איז דורכגע־גאַנגען אַזוי פיעל שולען, האָט געוואוינט ביי אַזוי פיעל פעלקער, און האָט ביי אַלעמען געליטען, קען אָבער אויך אַלעמענס צרות. אַ צוזאַמענקומען פון מענשען פון אַלערליי קולטורען, אָט ווי מיר זעהען עס היינט אין דיזען זאַאַל, איז פאַר אונז אַ בילד פון בעסערע צייטען; אַ פעראייניגטע בירגער־שאַפט, וועלכע איז ניט בעגרענעצט אין איין איינציגער שפּראַך; אַ שטענ־דיגער קאַמפף געגען עלענד דורך פעראייניגטע אַרבייט — און פון דעם אַלעם זאָל אַרויסוואַקסען אַ העכערער סאָרט מענשליכקייט. אונזערע פראָבען זיך צוצופּאַסען צו אונזערע שכנים, וואָס צוליעב זייער ניט־געלינגען זיינען מיר ווידער פעראייניגט, דיזע פּראָבען וועלען דאַן נאָך ווערען פאַר אונז אַ ברכה. די טיכטיגקייט פון די גערמאַנישע, די ריהרעוודיגקייט פון די ראָמאַנישע און די גרויסע געדולד פון די סלאַווישע פעלקער, וועלען פיללייכט לאָזען אויף אונז זייער רושם... איז עס ענדליך קלאָר וואָס מיר מיינען? אידישע קינסטלער, פילאָזאָפען און געלעהרטע פון אַלע לענדער געדולדיג פעראייניגט אין איין געזעלשאַפט דורך דעם ווילען צו שאַפען. אמת, מיר שטרעבען צו אונזער אַלטען לאַנד. אָבער אין דעם אַלטען לאַנד ווינשען מיר נור אַ נייע אויפבליהונג פאַר דעם אידישען גייסט!

דריטע קאָנגרעס־רעדע

(געהאלטען אין באזעל, 15 אויגוסט, 1899)

אין דער פייערליכער שעה, ווען די פערטרעטער פונ׳ם אידישען פאָלק, קומענדיג פון די ווייטסטע מרחקים, פעראייניגען זיך דאָ, זאָל אונזער ערש־טעס וואָרט זיין א דאנק דער שענער פרייער שטאָדט וואס נעהמט אונז ווידער אויף אלס געסט. דיזע דאנקבארקייט פיהלען ניט נור די וואָס זיינען דאָ פערזאמעלט, נור אויך די וואָס האָבען זיי אהער געשיקט אין זעהר ווייטע טיילען פון דער וועלט. באזעל, דער באזעלער קאָנגרעס, דאס באַזעלער פראָגראם — דיזע ווערטער קלינגען שוין היינט היימיש אונזער פאָלק און בעדייטען פאר איהם א טרייסט, א האָפנונג.

מיר זיינען דאָ צום דריטען מאָל צו בעקלערען די קלאגען און פערלאנגען פון א פאָלק וואָס וויל ווידער ערוואכען צו נייעם לעבען. אין אָנפאַנג האָט עס געקאָנט אויסזעהן, אפשר זעהט עס אזוי אויס נאָך יעצט ביי אנדע־רע, אז עס איז א קליינע פעולה וואָס מיר קומען אהער און האלטען רעדען, רעדען פול מיט זיפצען. אָבער דיזע צווייפלער פארזעהן, אז אויך אין אנ־דערע פערטרעטענדע קערפערשאפטען ווערט נור גערעדט. און ווער וועט לייקענען, אז רעדען פון אזא פלאַץ האָבען דעם שטארקסטען איינפלוס אויף די געגענוואַרט און צוקונפט פונ׳ם פאָלק? דאָס פערשטעהענדיג, האָבען מיר זיך בעמיהט צו שאפען אן אָרט, פון וואנען אונזערע ווערטער זאָלען געהערט ווערען: אָט די אידישע בימה.

אזוי ווי אונזער פאָלק וויל ניט צוריקקעהרען צו א פארצייטיגען לעבען, נור ערוואכען צו א לעבען פון היינט, האָט עס געמוזט קודם כל קריגען א היינטמאָדישען אָרגאן אויף ארויסצוזאגען זיין ווילען צו לעבען. דארום האָבען מיר אין דיזער בימה אונז ערוואָרבען א טייערע זאך. זאָלען מיר עס גוט היטען!

דורך דעם ערנסט און די רוהיגקייט פון אונזערע בעראטונגען קאָנען מיר הויבען דעם כבוד פון דיזער בימה אימער העכער. דורך נארישקייטען און קריגערייען וועלען מיר עס גיך צושטערען. דיזע בימה וועט זיין אזוי הויך ווי די רעדען וואס ווערען אויף איהר געהאלטען. מיר האָבען ניט קיין

אויסערע מאכט וואס זאָל צוגעבען קראפט אונזערע ווערטער; זייער איינ־ציגע בעדייטונג קאָן דארום קומען נור פון דער אינערער קראפט פון דער אידעע און פון דער ריינקייט פון די געדאנקען וואס ווערען דאָ ארויסגע־זאגט. דאס מוז יעדער פון אונז האלטען שטענדיג אין זינען, ווען ער וויל דאָ רעדען פאר'ן אידישען פאלק און צום אידישען פאָלק.

נאָך א זאך. מיר קומען ניט אהער אום זיך אבצוגעבען מיט די אינער־ליכע פאסירונגען פון די איינצעלנע לענדער, פון וועלכע מיר זיינען בירגער. אזוי צו טהאָן וואָלט געווען א שווערער פעהלער און וואָלט נור געפיהרט דערצו, אז מען זאָל האָבען א פאַלשען בעגריף פון אונזער קאָנגרעס. אונזער עובדה דא איז בלויז צו בעראטען זיך איבער די לאגע פון אונזער פאָלק און צוזוגרייטען א געזעצליכע און מענשענפריינדליכע לעזונג, אונטער דער השגחה פון דער עפענטליכער מיינונג. אז מיר האָבען קיינע זייטיגע כונות, איז בעוויזען געוואָרען דורך אלץ, וואָס מיר האָבען ביז אהער געטהאָן. מיר בעגרענצען אליין אונזער ארבייט כדי אויסצומיידען יעדען אָנפאל. מיר ווילען ארבייטען פאר דעם וואוילזיין פון אידישען פאָלק. דאָס איז אונזער רעכט. עס איז אויך אונזער פפליכט.

אלגעמיינע שוועריגקייטען קאָן מען בייקומען דורך אן אָפענהערציגען אויסבייט פון מיינונגען צווישען פערשיעדענע לענדער. דער בעגריף פון מענשליכקייט אין דער היינטיגער געבילדעטער וועלט איז שוין דערוואקסען דערצו. דאָס האָט מען געקאנט מערקען ווען דער שלום־פאָרשלאג פון זיין מאיעסטעט דעם רוסישען קייזער האָט דערפרייט די וועלט. איהר ווערט זיך דערמאנען, אז מיר זיינען דאָ געווען פערזאמעלט, ווען דיזער גרויס געפלאנ־טער פאָרשלאג איז בעקאנט געוואָרען, און אז דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז געווען די ערשטע קערפערשאפט, וואס האָט געקאנט אויסדריקען איהר בעגייסטערונג דעריבער. א יאָהר איז שוין פארביי. דער געדאנק פון שלום האָט שוין אָנגעהויבען זיין ארויספאהר אין די ווירקליכקייט, הגם ער איז נאָך ווייט פון ציעל. אונז מעג דאָס דיענען אלס ביישפיעל פון געדולד. אויב די גרויסע פון דער וועלט בעגניגען זיך מיט א לאנגזאמען פאָרשריט פון זייערע העכסטע אידעען, ווי מוזען שוין מיר ארימע מענשען צופריעדען זיין ווען מיר קאָנען אָנווייזען, אז עס געהט א ביסעלע פאָרווערטס.

מיר וואָלטען אלזא געמוזט אנגעהן ווייטער מיט אונזער ארבייט, ווען עס וואָלט אפילו ניט געווען צו מערקען קיין שום פאָרשריט אין פערלאָפענעם יאָהר. ווען אפילו אונזער בעוועגונג וואָלט גאָר ניט שטארקער געוואָרען, וואָלט גאָר ניט געוואונען אין אָנזעהן און אין מיטלען, וואָלטען מיר געמוזט ווייטער ארבייטען אונערמיעדליך.

אָבער דאָס יאָהר איז ניט געווען שלעכט פאר אונזער בעוועגונג. מיר האָבען וואס ניט איז ערדייכט, געמאכט א שטיק וועג.

דער עמפּפאנג פון דער ציוניסטישער דעלעגאציאָן פון זיין מאיעסטעט דעם דייטשען קייזער אין ירושלים, איז א בעדרייטענדע פּאסירונג, הגם אונ־זערע געגנער, ווי געוועהנליך, האבען זי טיילוויז פערשוויגען און טיילוויז פאלש איבערגעגעבען אין דער עפענטליכקייט. שוין דער פאקט אליין, אז דער געניאלער קייזער האט אונזער פאָלקס־געדאנק געגעבען זיין אויפמערק־זאמקייט, וואלט געווען גענוג צו געבען אונז א ביסעל בטחון. אונבעדיי־טענדע בעוועגונגען ווערען פון אזא הויך ניט בעמערקט. אָבער דאָס איז געווען מעהר ווי א בלויזעס בעמערקען. עס איז עמפּפאנגען געוואָרען ניט סתם א אידישע דעפּוטאציאָן, ניט די מיטגליעדער פון א „פּראקטישען" קאָ־לאָניזאציאָנס־פעראיין, נור א דעלעגאציאָן פון ציוניסטישען אקציאנס־קאָ־מיטעט. די טעמים און די ציעלען פון אונזער בעוועגונג זיינען געווען אין פאָראויס גענוי בעוואוסט, און אָט דארויף האָט זיין מאיעסטעט דער דייט־שער קייזער, אין א טאָג וואָס וועט בלייבען לזכרון פאר דאס גאנצע יודענ־טהום, אונז צוגעזיכערט זיין פריינדליכען אינטערעס. דערפאר זיינען אלע אמת'ע אידען איהם שולדיג א דאנק.

געעהרטע קאָנגרעס־מיטגליעדער! איהר פערשטעהט, אז דער גוטער טאקט פערלאנגט, אז מיר זאָלען ניט אויסנוצען אגיטאטאָריש דעם גליקליכען און וויכטיגען פאקט פון דעם ירושלים'ער עמפּפאנג אונטער אזעלכע אומ־שטענדען. מיר ווען זיך דארום אָבהאלטען פון פיהרען וועגען דעם וועל־כע ניט איז דיסקוסיאָן. איינס אָבער מוזען מיר, אין אונזער פרעהליכער דאנקבארקייט דאָך ארויסזאגען: נאָך דיזער פּאסירונג בלייבט אויף אייביג קיין שום ספק מעהר ניט וועגען דער געזעצליכקייט און טרייהייט פון אונזער אזוי הויך בעעהרטער בעוועגונג.

נאטירליך לייגען מיר דאָס גרעסטע געוויכט דארויף צו בעטאָנען און צו בעווייזען דיזע טרייהייט קודם כל פאר דער טערקישער רעגיערונג. מיר ווען ניט אונטערנעהמען קיין שריט וואס זאָל אפילו נור וויטלויפיג קענען ערוועקען א גערעכטען חשד ביי דעם הערשענדען בעזיצער פון פאלעסטינא. מיר ווילען און קאָנען בריינגען דער אָסמאנישער מדינה די גרעסטע נוצען, בכן קאָנען מיר גאָנץ אָפען אויפטרעטען. ווער עס גנב'עט זיך וואו אריין, דער האָט געוועהנליך ניט די אבזיכט עפּעס צו ברייגנען. אָט דיזע חקירה, וועלכע איז אזוי פערשטענדליך, האָט געפיהרט צו די שוועריגקייטען געגען איינוואנדערונג וואס בעשטעהען יעצט אין פאלעסטינא. מיר האָבען זיי ניט ארויסגערופען; זיי זיינען, ווי בעקאנט, עלטער פון דער בעוועגונג, וועלכע מיר פערטרעטען דאָ. אָבער הגם מען קאָן אונז ניט בעשולדיגען, אז מיר האָבען פעראורזאכט די איינוואנדערונגס־גזירה, ווילען מיר דאָך קלאָר ארויסזאגען אונזער שטעלונג צו איהר.

ווי ? מען וויל קאָלאָניזירען א בעפעלקערונג אויף א לאַנד, ניט ערקלע־רענדיג אָפען אין פאראוים דעם גאנצען פּלאַן ? קומט איינער אריין שטילער־הייט אין פינסטערער נאכט דארף ער זיך ניט וואונדערן ווען מען שטעלט איהם אָב. און אויב ער קאָן ניט געבען א גוטע ערקלערונג, אלץ ערגער פאר איהם. אין אזא לאַגע איז באמת ניטאָ קיין ענטפער וואָס זאָל קלינגען אונ־פערדעכטיג. מיר מאַכען עס דארום אנדערש. מיר ערקלערען אונזערע אבזיכטען אם העלען טאָג, ווייל מיר האָבען ניט גאָט זיי דאַנק פאר וואָס מורא צו האָבען, און מיר ווילען ארויסקריגען א צושטימונג איידער מיר אונטער־נעהמען עפּעס. אָהן דעם וואָלט עס געווען אן אונטערנעהמונג פון שווער־סטער פעראנטוואָרטליכקייט. ווארים עס געהט דאָך ניט נור אין אריבער־קריגען די מענשען, נור אויך אין האלטען זיי דאָרט, און האלטען אין גוטער זיכערהייט.

ליידער האָבען מיר פיעל ברידער וועמען עס קאָן שוין ניט געהן ערגער ווי עס איז און זיי כאפּען זיך דארום אין אלץ אָן. אָבער אויף בלויז איבער־לייגען דעם קראנקען פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָט מען ניט גע־דארפט אוועקלייגען אזוי פיעל חריפות, מיה און געלד. לאָמיר בעסער זוכען איהם צו היילען. דאָס איז אזא גרויסער צוועק, ער איז אזוי שכל׳דיג און קלאָר, אז קיינער וועט דא מעהר ניט זוכען בעהאלטענע כונות. פארוואס דען זאָלען מיר עס ניט גלייך ארויסזאָגען ? דערמיט ווערט דאָך אלץ, וואס מיר ווילען, פערשטענדליך מיט איין קלאַפּ. עס פערשווינדען אלע חשדים. מיר קומען ארוים אויף דעם וועג פון פערהאנדלונגען, וועלכע מוזען פריהער אָדער שפּעטער פיהרען צו א רעזולטאט, אויב מיר ווילען נור געהן צוזאמען מיט פעראייניגטע כחות.

דארום האָבען מיר קודם כל געשאפען דעם עלעקטרישען שטראָם פון אונזער אחדות, און ווילען איהם אלץ מעהר פערשטארקען. און קיינער זאָל ניט אָבצווייגען אָדער אבציהען א טייל פון דיזען שטראָם. דאָס וואָלט געווען א פערברעכען געגען כלל.

אויף דיזען קאָנגרעס זיינען, ווי בעקאנט, נאָך ניט אלע ציוניסטען פער־טראָטען. אונזער בעוועגונג איז נאָך פיעל גרעסער ווי זי זעהט דאָ אויס. א היבשע גרופּע ציוניסטען מיט הויכע פערדיענסטען, פון דער עלטערער ריכטונג, האלטען זיך נאָך ביי זייער אלטער מעטהאָדע. מיר גיבען ניט אויף די האָפנונג זיי צו בעקעהרען צו אונזערע אנזיכטען. אין דער אידעע טיילט אונז גאָר ניט פונאנדער. די בעסטע פאָרם ווי זי אויסצופיהרען מוזען מיר זוכען צוזאמען.

פאראן נאָך אנדערע ציוניסטען, און גראד די שטארקסטע אין מאַ־טעריעלע מיטלען, וואָס וואָלטען געווען מיט אונז פאָלקאָמען אייניג, ווען מיר וואָלטען ניט געוועהלט דעם וועג פון אָפענער דיסקוסיאָן. וועלען מיר

דערגרייכען א רעזולטאט, דאן וועלען זיי זיין מיט אונז. פריהער דארפען מיר זיי ניט, דאן וועלען מיר זיי האָבען. ווענען דעם איז היינט קיין שום ספק מעהר.

פון וועלכען מין דארף זיין דיזער רעזולטאט? לאָמיר עס זאָגען אין איין וואָרט: א טשארטער! מיר ארבייטען דארויף צו קריגען א טשאר־טער פון דער טערקישער רעגיערונג, א טשארטער אונטער דער אויבערהער־שאפט פון זיין מאיעסטעט דעם סולטאן. ערשט נאָכדעם ווי מיר וועלען האָבען דיזען טשארטער, אין וועלכען עס מוזען זיין די עפענטליך־רעכטליכע זיכערהייטען, וועלען מיר קאָנען אָנפאַנגען א גרויסע פראקטישע קאָלאָניזא־ציאָן. פאר געבען אונז דעם טשארטער וועלען מיר פערמיטלען דער טער־קישער רעגיערונג גרויסע נוצען.

דאָס אָבער האָט ניט געקאָנט און קאָן ניט ארויסקומען פון דעם קאָנ־גרעס, וועלכער האָט ניט די איינענשאפט וואס איז נעטהיג דערצו פון דער יוריסטישער זייט. פיר דיזע אבמאכונגען האָט געמוזט געשאפען ווערען א ספעציעלער בעל דבר. דאָס איז די אידישע קאָלאָניאלבאנק. אויב עס קאָן נאָך ווער שטעלען די פראגע צו מען קאָן זיך רעכענען מיט דער ציוניסטי־שער בעוועגונג ווי מיט א ערנסטען כח — האָבען די הונדערט־טויזענד אקציאָנערען פון דער אידישער קאָלאָניאלבאנק געגעבען דארויף דעם ענט־פער. פון סיביר, פון די גרענעצען פון חינא, און פון דעם דרום'דיגען אר־גענטינא, פון קאנאדא און פון טראנסוואאל איז געקומען דער ענטפער. די קאָלאָניאלבאנק עקזיסטירט היינט.

מיר אלע, וועלכע דיענען דער אידעע מיט תמיד פרישער בעגייסטערונג, זיינען ניט געוואהנט זיך צו בעריהמען מיט די געבראכטע קרבנות. אָבער ווען מיר לייגען יעצט פאָר דעם קאָנגרעס דיזען אבגעענדיגטען טייל פון אונ־זער ארבייט, מעגען מיר איינמאָל זיך פארגרינגערען דאָס הארץ און זאגען, אז דאָס איז געווען דער שווערסטער קרבן צו וועלכען מיר האָבען זיך ביז אהער ענטשלאָסען. לייטע וואָס האָבען קיינמאָל ניט געהאט צו טהאָן מיט געשעפט, אגיטירען פאר די גרינדונג פון א באנק און לאָזען פאלען אויף זיך העכסט קרענקענדע חשדים. דאָס האָט געמוזט זיין, האָבען מיר עס געטהאָן. היינט גיבען מיר איבער דאָס געשאפענע ווערק דעם קאָנגרעס, פאר ווען מיר האָבען געזיכערט די פאָלשטענדיגע השגחה איבער דער פערוואלטונג פון דער באנק, אז זי זאָל זיין עהרליך און דיענען די ציוניסטישע צוועקען. דורך פערטרעטער וואָס ער ווערט וועהלען פון דאָס ניי יעדען יאָהר ווערט דער קאָנגרעס האָבען די דעה איבער די באנק. עס איז ניט נויטיג ערשט יעצט צו זאָגען, אז דער אקציען־קאפיטאָל ווערט ניט פערווענדעט ווערען אויף קויפען לאנד. די באנק איז נור א צווישען־גליעד. די ריכטיגע לאנד־געזעל־שאפט ווערט ערשט געגרינדעט ווערען אויפ'ן סמך פונ'ם טשארטער, ווען

מען וועט איהם קריגען, און, עס פערשטעהט זיך, מיט א גרעסערען קאפיטאל, לויט דעם ערך. אָבער די שאפונג פון דיזען גרעסערען אינסטיטוט קאָן שוין היינט בעטראכט ווערען אלס געזיכערט, און אין געהעריגער צייט וועלען מיר אייך וועגען דעם מאכען מיטטיילונגען, וועלכע קאָנען יעצט ניט געמאכט ווערען.

פון אויבען אויף טראגט דאָס אלעס דעם כאראקטער פון הכנות, פון אונטערנעהמונגען אויף שפּעטער. באמת איז עס אָבער אזוי פּראקטיש און ממשות'דיג ווי די זאמען וואס מען טרויט אן דער ערד. אין אָנהויב איז עס געווען א פּערזייאונג פון געדאנקען, יעצט איז עס א זריעה פון אינ־סטיטושאָנס. היינט איז עס נאָך ניט קיין ברויט, עס איז דאָס ברויט פון מאָרגען.

די גאָר צו זאטע, מיט זייער פון וואוילטאָג אָבגעשוואכטער איינבילדונגס־קראפט, ווילען אונז נאָך ניט פערשטעהן. דערפאר פערשטעהען אונז בעסער די ארימע און פערמאטערטע. זיי האָבען די פאנטאזיע פון נויט. זיי ווייסען פון היינט און נעכטען ווי שטארק דער הונגער וועט וועה טאָן מאָרגען אויך. און אין דיזער לאגע געפינען זיך פיעל, פיעל הונדערט־טויזענדע פון אונזער פאָלק. אָבער די זיכערסטע פון אונזערע חברים זיינען די, וואס זיינען ניט אין שטאנד אפילו צו צאהלען דעם קליינעם יעהרליכען בייטראג פיר אונזער אגיטאציאָן. זיי זיינען די בעסטע ציוניסטען, ווייל זיי האָבען נאָך ניט פערגעסען די אלטע אידישע טראדיציאָן, ווייל זיי האָבען א שטאר־קען רעליגיעזען געפיהל, און ווייל זיי ליידען ביטערע נויט. די בעריכטען פון פיעל געגענדען זיינען שרעקליך. דאָס יודענטום איז א גרויסע אכסניא פון צרות מיט אבטיילונגען אין דער גאנצער וועלט. טרויעריגער אמת ווי דאָס איז, זאָל עס אויך געהערט ווערען פון דיזער בימה. און דיזע לאגע שרייט נאָך הילף. די גרויסע נויט ברייננגט קראנקהייטען און שלעכטע מדות, און די פּאר'מרה־שחורה'טע געמיטער נעהמען אויף די ווילדעסטע רעוואָלוציאָנערע געדאנקען. דאָ קומען מיר און ווילען בעסער מאכען. די ישועה, ווי מיר גלויבען, ליעגט אין געזונטער ארבייט אויף א געליעבטער ערד. די ארבייט זאָל געבען אונזער פאָלק דאָס מאָרגענדיגע ברויט, און אויך די עהרע פון מאָרגען, די פרייהייט פון מאָרגען.

מיר רופען צו די גערעכטע פון אלע גלויבענס און נאציאָנען אונז מיט־צוהעלפען. די איינציגע אויסערליכע הילף וואס מיר דארפען, איז א מאָ־ראלישע. פאראן געווגג אידען וואס אין זיך דענקען זיי ווי מיר. נור אנדערע האלטען זיך אָב פון ארויסווייזען עס, ווייל זיי האָבען מורא מען וועט עס זיי שלעכט אויסלייגען. יעדער וואס גלויבט אין דער גערעכטיגקייט פון אונזער אונטערנעהמונג, און וויל אונז דערפאר מאָראליש שטיצען, זאָל דארום פערהיטען אין דעם קרייז פון זיין השפעה, אז אונזער בעוועגונג זאָל

ניט פאַלש פערשטאַנען ווערען, און אז מען זאָל זי ניט אויסנוצען פאַר נייע בלבולים געגען אונז, ווי מען האָט עס שוין אזוי אָפט געטאָן. ווען ניט קאָן דיזע רעטונגס־בעוועגונג איינגעשראָקען ווערען און פּיליכט אינגאַנצען זיך אָבשטעלען. וועלכער גערעכטער וויל דאָס?

דאָ קעמפּפט א פאָלק פאַר זיין קיום, עהרע און פרייהייט. עס וויל ארויס פון שטיקענדער לופט אין זונענשיין. די יעצטיגע אידישע לאגע קאָן פיהרען אויף דריי וועגען. איין וועג איז צו ליידען בזיון און דחקות דער־שלאָגענערהייט. דער אַנדערער איז דאָס שטעלען זיך אַנטקעגען, די שנאה צו א שטיפמוטערליכער געזעלשאַפט. אונזער וועג איז דער דריטער: אויפ־הויבען זיך ווילען מיר צו א העכערער מדרגה פון מענשליכקייט, פערברייטען שפע, בויען נייע טראַקטען פאַר דעם פערקעהר פון די פעלקער, און עפנען א וועג פאַר די סאָציאַלע גערעכטיגקייט. און אזוי ווי אונזער ליעבער דיכטער האָט פון זיינע יסורים געשאַפען ליעדער, אזוי וועלען מיר פון אונזערע ליידען צוגרייטען א פאָרשריט פאַר דער מענשהייט, וועלכער מיר דיענען.

פיערטע קאָנגרעס־רעדע

(געהאַלטען אין לאָנדאָן, 13 אויגוסט, 1900).

געעהרטע קאָנגרעס־מיטגליעדער!

די בערעכטיגונג פאַר רופען דעם פיערטען קאָנגרעס אין לאָנדאָן ליגט פון אויבען אויף. ענגלאַנד איז איינע פון די לעצטע מקום־מנוחה'ס וואו דער אידענהאַס האָט זיך נאָך ניט איינגעווארצעלט. אָט דאָס אליין, אָן אמת לכל הדעות, רעדט שוין גענוג פאַר די טרויעריגע יעצטיגע לאַגע פון אידישען פאָלק. אין דער גרויסער וועלט מוז מען זוכען א פונקט, וואו גאָט'ס אלט פאָלק ווערט ניט פערשאָלטען און פערפאָלגט.

זאָל אָבער קיינער ניט מאַכען קיין אונריכטיגען שלום דערפון, וואס די אידען אין שענעם ענגלאַנד געניסען פולע פרייהייט און מענשענרעכטע. דער וואָס וועט ראַטען אידען צו לויפען אהער, וועט זיין א שלעכטער פריינד פון די היגע אַזוי גוט ווי פון די פערפאָלגטע אידען. די שמחה פון אונזערע היגע ברידער מיט זייער גליקליכער לאַגע וואָלט געווען א פער־שטערטע, ווען דיזע לאַגע זאָל צוציהען אונזערע פערצווייפעלטע. אזא איינוואַנדערונג וואָלט געווען א געפאַהר פאַר די איינגעזעסענע און אויך פאַר די אנגעקומענע, ווייל די וואָלטען, אליין ניט וויסענדיג, אימפּאָרטירט אין זייערע ארימע פּעקלעך דאָס פון וואס זיי אנטלויפען — איך מיין דעם אנטיסעמיטיזמוס. דאָך אָבער וועט עס אונז ערלויבט זיין דא אויפצושטע־לען אויף עטליכע טעג דאס וואנדער־געצעלט פאַר אונזערע פערהאַנדלונגען, ווייל מיר ווילען עפענטליך ארומרעדען די לעזונג פון דער אידענפראַגע.

צווישען איין קאָנגרעס און דעם אנדערען בעמיהען זיך אונזערע געגנער מיט גרויס חשק אריינצולייגען פאַלשע פשטים אין אונזערע אבזיכטען, אַזוי אַז יעדעס מאָל ווען מיר קומען צוזאַמען מוז זיין אונזער ערשטע אויפגאַבע מיט א פּאָר שטאַרקע קלעפּ אראבצוואַרפען פון אונזער בוים אלץ, וואס מען האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט. דאבייא האָבען מיר דעם נחת צו זעהן, אַז אונזער בוים איז געזונד און אַז ער וואַקסט.

דער ציוניזם וויל א עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע היים פאר'ן אידי־שען פאָלק אין פאַלעסטינא! דיזעם פראָגראַם האָבען מיר אויפגעשטעלט פאר דריי יאָהרען, אויף תמיד. דערמיט האָבען מיר בלי ספק צוגעטראָפען א גרויסע הצטרכות, א זעהר אַלט בייִנקעניש פון אונזער פאָלק, אנדערש קאָן מען ניט ערקלערען פאר וואָס דאָס האָט אַזוי געווירקט. עס איז ניט נויטיג איך זאָל אייך היינט אויסרעכענען דיזע ווירקונגען. יעדער ווייסט זיי, יעדער זעהט און הערט זיי. פאר פיער יאָהרען האָט איינער געקאָנט מורא האָבען, אז ער מאכט זיך לעכערליך ווען ער רעדט פון א אידיש פאָלק. היינט מאכט זיך יענער לעכערליך, וועלכער לייקענט די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. איין בליק אין דיזען זאַאַל, וואו אונזער פאלק איז פער־טרעטען דורך דעלעגירטע פון דער גאנצער וועלט, איז גענוג אלס בעוויִיז.

דיזער פאקט האָט א בעדייטונג ניט נור פאר אונז, נור אויך פאר אַנדערע. פאר די איינצעלנע לענדער ליגט דארין א מענשליכער, אנשטענדיגער ענט־פער אויף די שווערע אידישע פראגע, און צו גלייכער צייט ליעגען דארין גרויסע אויסזיכטען פאר דעם מזרח. אונזער צוריקקומען אין לאַנד פון אונזערע עלטערען, פאראויסגעזאָגט אין אונזערע הייליגע שריפטען, בעזונ־גען פון דיכטער, אויסגעוויינט פון אָרימען פאָלק, און אויסגעלאַכט פון עלענדע לציִם — אונזער צוריקקערונג איז אויך א זאַך פון ממשות'דיגען פּאָליטישען אינטערעס פאר די מעכטע וואָס האָבען צו זוכען אין אזיען.

ערלויבט מיר נור צו ברייִנגען עטליכע ווערטער פון דער ערעפנונגס־רעדע צום צווייטען קאָנגרעס. אין יאָהר 1898 איז געזאָגט געוואָרען אין באזעל: „פּאלעסטינא איז ניט נור די היים פון די עכסטע אידעען און פון אונגליקליכסטען פאָלק. דורך איהר געאָגראַפישער לאַגע איז זי אויך פון גרויסער וויכטיגקייט פאר גאנץ אייראָפּא. אין א צייט וואָס קאָן ניט זיין ווייט אוועק, וועט דאָ ווערען א קולטור־ און האנדעלס־טראַקט נאָך אזיען. אזיען איז דאָס דיפּלאָמאטישע פּראָבלעם פון דעם קומענדען צעהנד־ליג יאָהר.“

דיזע ווערטער פון 1898 זייִנען דורך די פּאסירונגען פון די לעצטע חדשים אזוי שטאַרק בעשטעטיגט געוואָרען, אז זיי קלינגען שוין היינט ווי אָן אלט־בעקאנטע זאַך. דאָס אזיאטישע פּראָבלעם ווערט ערנסטער פון טאָג צו טאָג און וועט אויך ווערען, האָב איך מורא, רעכט בלוטיג פיר א לאַנגע צייט. דערמיט וואַקסט אָבער אויך דער אינטערעס פון די קולטור־פעלקער, אז אויף דעם וועג נאָך אזיען, אויף דעם קורצעסטען וועג נאָך אזיען, זאָל געשאַפען ווערען א קולטור־סטאַציאָן, וועלכע וועט ניצליך זיין אַלע ציווי־ליזירטע מענשען. דיזע סטאַציאָן איז פּאלעסטינא, און די קולטור־טרעגער, וועלכע ווילען דארויף איינשטעלען פערמעגען און לעבען, זייִנען מיר. אלע

פּאָליטישע קעפּ דאַרפן בעגרייפן שנעל ווי א בליץ, אז דאָ ווערט זיי געבאָטען א טייערע געלעגענהייט צו קומען נעהנטער צו אזיען. קיין איינציגע מאכט דאַרף ניט זיין בעזאָרגט וועגען דיזער קולטור־סטאַציאָן, וואָס וואָלט גיך אויפגעבויט געוואָרען פון דעם מאכטלאָזען אידישען פּאָלק אונטער דער אויבערהערשאַפט פון זיין מאַיעסטעט דעם סולטאַן. פאַר די אידען וואָלט דאָס געווען א ישועה, אָבער אויך פאר די אנדערע, און דעם גרעסטען געווינס וואָלט דערפון געהאַט די טערקיי.

ענגלאַנד, דאָס גרויסע ענגלאַנד, דאָס פרייע, וואָס איהר בליק געהט איבער אלע ימים, וועט אונז און אונזערע שטרעבונגען פערשטעהן. פון דאַנען וועט די ציוניסטישע אידעע פליהען נאָך ווייטער און העכער. אין דעם קאָנען מיר זיכער זיין.

יעצט וועלען זיכער קומען די פּראַקטישע לייט, די קלוגע, און וועלען פרעגען, וואָס האָבען מיר דאָ אזעלכעס געוואונען. מיר קענען שוין דיזע לייט. מיר געדענקען אלע די שטיינער וואָס זיי האָבען געקייקעלט אויף אונזער וועג, אלע עגמת נפש וואָס זיי האָבען אונז פערשאַפט און געוואָלט פערשאַפען. דאָס זיינען דיזעלבע לייט וואָס קאָנען זיך ניט זאַט אָנפרעגען, וואָס האָבען מיר אייגענטליך אויפגעטהאָן, וואו האַלטען מיר שוין, ווען וועלען מיר שוין אמאָל קומען צום ציעל. ווען זיי וואָלטען אונז געהאָלפען מיט אלע כחות, אנשטאַט מיט אלע כחות אונז צו שטערען, וואָלטען זיי ניט געקאָנט זיך גייציגער נאָכפרעגען. די וואָס בויען מיט אונז, פונ'ם ערשטען ביז'ן לעצטען פון די בוי־מייסטערס און אויסהעלפער, ביז צו די בעשיידענע, געטרייע ציגעל־טרעגער, פרעגט ניט קיינער אזוי פיעל. מיר ווייסען נור איינס, אז מיר מוזען ארבייטען, און מיר טהוען עס זיך ניט בעקלאַגענדיג, פול מיט האָפנונג און בעגייסטערונג. מיר בויען און בויען, און אונזער בנין וואַקסט. צו פערשטעהן א האלבע ארבייט איז ניט איטליכען באַשערט. אָבער אז די אידען וואָס שטעהען היינט אָן א זייט מיט א בייזען שמייכעל און מיט די הענד אין די הויזען־טאַשען, וועלען אויך וועלען וואוינען אין אונזער שענעם הויז, וועגען דעם בין איך גאַנץ רוהיג.

איין בעשטימטע פראַגע איז פאַראַן, וועלכע מיר ווילען בשום אופן ניט אויסווייכען. האָבען מיר שוין ערהאַלטען דעם טשאַרטער אויף בעזעצען פּאַלעסטינא? אויף דעם ענטפערען מיר גאַנץ הויך און דייטליך: ניין! עס איז אן אנדער פראַגע, אויב מיר דאַרפען נאָך אלץ ווייטער האָפען, ווייטער שטרעבען, ווייטער ארבייטען, אום איהם צו קריעגען? אויף דעם ענטפערען מיר גראַד אזוי הויך און דייטליך: יא! וואָס גרעסער אונזער צאהל און וואָס שטאַרקער אונזערע כחות ווערען, אלץ מעהר אויסזיכט איז

דאָ פאַר אונזערע פאָדערונגען און פּלענער. מיר קאָנען שוין היינט צופריע־דען זיין מיט דער אויפנאַהמע וואס אונזערע שטרעבונגען האָבען געקראָגען אין די קרייזען פון די מעכטיגסטע אין דיזער וועלט.

פערלאַנגט ניט מעהר ווי דיזען וואונק פון אייער אַקציאָנס־קאָמיטע, אין וועמען איהר מוזט האָבען אמונה שלמה אין דיזער בעציהונג. אין אַלע אַנדערע פּונקטען קאָנט איהר קריגען דין וחשבון. אונזער אַרבייט און איהר גאַנג קאָנען מיר אַרויסגעבען אין איין וואָרט: מיר אָרגאַניזירען די אידען פאַר זייער קומענדען שיקזאַל.

יעצט אָבער ווילען מיר אויך אַמאָל פרעגען. און פרעגען ווילען מיר טאַקע אונזערע אידישע געגנער, וואָס האָבען זיי געטאָן אין אָט די יאָהרען צו פערגרינגערן די גוואַלטיג ביטערע לאַגע פון אונזערע ברידער, וואו זיינען זייערע רעזולטאַטען? וואס האָבען זיי דערגרייכט? וועלכע פּראַקטישע זאַך האָבען זיי געשאַפען? מיר הערען תמיד פון קאָמיטעס, פון גרויסע זאַמלונגען און פאָנדען. ווייזט אונז דעם פּועל יוצא! ווייזט אייערע אויפטוען! מיר וואָלטען זעהר געוואָלט זיי בעוואונדערען און אייך דאַנקען אין נאָמען פון די ליידענדע.

און דאָס איז ניט א להכעיס־פראַגע, נור א שרעקליך ערנסטע. זי נעהמט זיך פון דער אימה'דיגער אייך אַלעמען בעוואוסטער רומעניש־אידי־שער וואַנדערונג, וועלכע האָט זיך געצויגען ווי א בלוטיגער צייכען דורך גאַנץ אייראָפּאַ. וואו איז דאָ געווען אונזער אָפיציעלעס יודענטהום, וואו זיינען געוועזען די פאַרמאָלגע אידישע גדולים, די זיילען פון די קהלות? איהר דערקענט זיי דורך זייערע מעשים. מיט אָכצען און קרעכצען האָט מען אַריבערגעפּעקעלט א פּאָר טויזענד וואַנדרער, — און שוין ערקלערט מען זיך ניט בכח צו טהאָן עפּעס מעהר. די ווייטערדיגע האָט מען צוזאַמענגע־טריבען הונדערטערוויז דורך בעוואָפענטע מאַכט און אין עקסטרא־צוגען האָט מען זיי צוריקגעוואָרפען צו דער גרענעץ איבער וועלכער זיי זיינען אַנטלאָפען אין אַנגסטען. אָט די עקסטרא־צוגען זיינען געוועזען דער לעצ־טער אויפטו פון דער באַרמהערציגקייט.

איינע פון אונזערע שטאַרקסטע טענות פאַר דעם ציוניזם איז ביז יעצט געוועזען דער באַנקראָט פון דער אַסימילאַציאָן. יעצט האָבען מיר צוגע־קריגען א נייע זאַך: דער באַנקראָט פון די בעלי־צדקה. נאָך וואס פאַר א באַנקראָט! געוויס, ווען די רייכע לייט הערען אויף צו צאָהלען, איז דער פערלוסט זעהר גרויס.

זיי זיינען ניט געווען צוגעגרייט פאַר'ן אונגליק, זאָגען די צדקה חברות. דאָס איז זייער שולד. זיי האָבען נור געדאַרפט זיין אַזוי גוט און זיך צו־הערען צו די פערהאַנדלונגען פון אונזערע קאָנגרעסען. אויף דעם ערשטען

באזעלער קאָנגרעס, אין יאָהר 1897, איז פאַרגעבראַכט געוואָרען א בקשה פון פונפציג טויזענד רומענישע אידען. אין גרעסטער דחקות האָבען זיי געבעטען הילף. זיי האָבען מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען. און זיי האָבען עס אויסגעהאַלטען נאָך דריי יאָהר, דריי יאָהר פון גרויסער נויט, וואס איהר שרעקליכקייט קאָן מען היינט זיך פאַרשטעלען, ווען מען זעהט זיי ענדליך וואַנדערען.

אין אונזערע פערהאַנדלונגען וועט איהר הערען נאָך מעהר דערפון.

מען קאָן מיינען אז דאָס אַלץ, די גראָבע נויט, דאָס ניט קאָנען געפינען א מקום מנוחה פאר די אנטלאָפענע, דער דורכפאַל פון אלע פריהעריגע הילפס־פּלענער, דאַרף איבערצייגען אפילו אונזערע פערביסענסטע געגנער, אז מיר ציוניסטען אַליין בעזיצען דעם איינציגען, דעם אמת'ען הילפס־געדאַנק. ניין! אונז טאָר מען קיין רעכט ניט געבען. אומגעקעהרט, מיר ווערען בעשולדיגט אין אָנמאַכען דיזע צרה'דיגע וואַנדערונג, כדי מיר זאָלען האָבען שטאָף צום אַגיטירען.

מיר ערקלערען דאס דא אלס ניט אמת. מיר האָבען קיינמאָל און ערגעץ ניט אויפגעריהרט אָדער צוגערעדט צו אזא פּלאַנלאָזער וואַנדערונג. אויף די אָנפראַגען אָהן שיעור וועגען אויסוואַנדערען האָבען מיר תמיד געענטפערט מיט אן התראה צו זיין געדולדיג. מיר האָבען מתרה געווען געגען דער סכנה פון א גרויסען אונגליק, ווען מענשען הויבען זיך אויף אָהן א פּלאַן, אָהן א ציעל און אָהן מיטלען. ליידער האָבען מיר דאָס געקאָנט פאָראויסזעהן. ווען אונזער אפּרעדען האָט ניט געהאָלפען, און די פון דער נויט געטריבענע האָבען אָנגעהויבען צו וואַנדערען, האָבען מיר נאַטירליך זיך פונדעסטוועגען אָנגענומען פאר זיי מיט אלע כחות.

ליידער האָבען מיר ניט געקאָנט טהאָן פיעל, ווייל מיר זיינען דאָך ניט צוגעגרייט פאר צדקה־ארבייט. אָבער דיזע קאַטאַסטראָפע, וועלכע איז מסתמא ניט די לעצטע און וועלכע האַלט נאָך אָן, דאַרף זיין אן ערנסטע ווארנונג אויך פאר אונז ציוניסטען. מיר דאַרפען זיך ניט בעגניגען דערמיט, וואס מיר וועלען זיך דארויף פעררופען אַלס א בעוויז פאר די ריכטיגקייט פון אונזערע טהעאָריען. מיר מוזען דערפון ארויסציהען אויך עטוואס פראַקטישעס. אין דער צוקונפט זאָלען אזעלכע פערצווייפעלטע אויסוואַנדערער ניט דאַרפען זיין אָנגעוויזען אויף די אונזיכערע חסדים פון בעל־צדקה'ס. זאָל דיזער קאָנגרעס עס בעטראַכטען אלס איינע פון זיינע אויפגאַבען איינצופיהרען אזעלכע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען, דורך וועלכע אונזערע ציוניסטען זאָלען מיט דער צייט זיך פערזיכערען א געוויסען גראַד פון געגענזייטיגער הילף אין נויטפאַלען. דורך קליינע אָפּפער וואס יעדער יחיד לייגט אויף זיך ארויף, קאָן ער שטאַרקען דעם כלל, וועלכער קאָן פיליכט

אמאָל נוצען איהם אליין. אזוי ערווערבט מען זיך א רעכט אויף הילף און מען דארף דאן קיינע חסדים מעהר.

שווער איז, אמת, אונזער וועג און יסורים׳דיג, אָבער דאָס ברייננגט נור שטאַרקער ארוים אונזער מוטה און אונזער טרייהייט. די וואָס יאָגען זיך נאָך תיכף׳דיגע גליקען זאָלען זיך נור ארויסרוקען פון אונזער מחנה. און אויב דער ענדליכער ערפאָלג וועט נאָך לאָזען א צייט וואַרטען אויף זיך, וועלען מיר אין מיטען פון דער מאַטעריעלער נויט פון אונזער פאלק פערצייכ־נען לכל הפּחות א מאָראלישען געווינס. עס וועט בעוויזען ווערען, אז דאָס יודענטהום ברייננגט נאָך ארוים אן אידעאַליזם וואס בויגט זיך ניט פאר סכנות, האלט אוים דחקות און האָט די גרויסע געדולד מיט וועלכער מען קומט צום גרויסען ציעל.

פינפטע קאָנגרעס־רעדע

(געהאַלטען אין באזעל, 26 דעצעמבער, 1901)

געעהרטע קאָנגרעס־מיטגליעדער!

מיר פערזאַמלען זיך היי־יאָהר צום פינפטען מאָל — צום פיערטען מאָל אין באזעל — וואו מען קוקט אויף אונזער בעוועגונג מיט א פריינדליכקייט, פאר וועלכע מיר זיינען אמת דאנקבאר. עס מעג אויך געזאָגט ווערען, אז דער אלטער כבוד פון דיזער שטאָדט איז נאָך מעהר געוואקסען דורך איהר גאסטפריינדשאפט צו א בעוועגונג, וועלכע וויל פערגרינגערען גרויסע נויטען.

פון דעם וואס איז אונז שווער געווען איז א טייל שוין האלב אוועק, א טייל שוין האלב עררייכט. אָבער פאר אלעם לאָזט מיך בעגריסען איין זאַך: וואס מיר טרעפען זיך וויעדער אין טריישאפט און וואָס די יאָהרען האָבען ניט אָבגעקיהלט אונזער בעגייסטערונג פאר א שענעם ציעל. דער טויט האָט ביי אונז אוועקגענומען מעהר ווי איין גוטען מאַן. אלטקייט, שלאפקייט אָדער פראָפעסיאָנעלע פפליכטען האָבען פיעלע צוריקגעהאלטען, אָבער אויך זיי זיינען מיט אונז אין גייסט. די וואס וואוינען אין אנדערע וועלט־טהיילען האָבען ניט געקאָנט לייכט רייזען אין דיזער צייט פון יאָהר, אָבער אויך אזעלכע זיינען געקומען, און נייע מיטארבייטער זיינען אונז צוגעקומען אין א היבשער צאהל, און ניט בלויז אידען! די העלפערס וואָס קומען צו אונז פון אנדערע גלויבענס און נאציאָנען זיינען פון די בעסטע און עדעלסטע, און איך זאָג דאָס ניט אין דער פערבלענדונג פון א פארטייי־מאַן. איך ערלויב מיר צו ברייגגען די ווערטער, וועלכע דער ענגלישער דיכטער האָלל קעין האָט קירצליך געזאָגט אויף א פערזאַמלונג אין לאָנדאָן: „ווען איך וואָלט אליין געווען א איד, וואָלט איך שטארק שטאָלצירט דער־מיט — איך וואָלט געווען שטאָלץ צו געהערען צו אן אלטער ראסע, וועלכע האָט ארויסגעבראכט אייניגע פון די גרעסטע מענשען; שטאָלץ אויף א נאציאָן, וועלכע האָט נאָך אימער א שטארקען חלק אין די וועלט־ענינים, הגם זי האָט ניט קיין טהראָן, קיין קעניג, קיינע סאָלדאטען און אפילו ניט קיין שפאַן אייגען ערד; שטאָלץ אויף א ליטעראטור, וועלכע איז אין דעם תנ״ך דערגאנגען צו אזא געהויבענקייט, וואס איז ניט דערגרייכט געוואָרען אין קיין אנדער מייסטער ווערק פון דעם מענשליכען גייסט; איך וואָלט שטאָלץ געווען אויף דער געלעגענהייט זיך צו בעטייליגען אין א בעוועגונג,

וואס וויל אויפהויבען פאלעסטינא פון אן ארימען וויסטען צושטאנד צו א לאנד פון פרוכטבארקייט און שפע; אָבער שטאָלצער ווי אלץ וואלט איך געוועז אויף די גרויסע מעגליכקייט וואס ליעגט יעצט פאר די אידען צו ארבייטען פאר די ארימע און נעדריקטע פון זייער פאלק, צו פערווירקליכען די געוואלטיגע רעליגיעזע האָפנונג, וואס האָט זיי אויפגעהאלטען דורך דריי טויזענד גרויזאמע יאָהר!"

אזוי רעדט א קריסט! אָבער דיזע שפראך, וועלכע גיט איהם כבוד, וואָלט ניט געפאסט פאר אונז. מיר דארפען ערפילען איינפאך א מאָראַ־לישען חוב. די שוואכע האָבען א רעכט אויף די הילף פון די שטארקערע. ווי אזוי מיר שטעלען זיך פאָר דיזע הילף, דאָס איז ערקלערט געוואָרען אויף די פריהעריגע קאָנגרעסען, און אויך דיזער קאָנגרעס וועט האָפענטליך פער־ברייטען אויפקלערונג איבער אונזערע וואונשען און די געזעצליכקייט פון אונזער ארבייט. די אידענפראגע קאָן געלעזט ווערען נור פון די אידען אליין, דאָס איז אונזער מיינונג.

אָט פון דעם גרונד־געדאנק קומט שוין ממילא ארויס וואס ווייטער איז. מיר האָבען זיך דארום אָבגעקעהרט פון די פריהערדיגע מעטהאָדען. מיר האָבען ניט פרובירט בעוויזען דורך זידלערייען, אז מיר זיינען פיינערע מענשען. מיר האָבען אויך ניט געהאלטען קיין פארעוועו דרשות וועגען דער באלדיגער פערברידערונג פון אלע מענשען. מיר ווילען אויך ניט טראגען אן אנדער נאציאָנאליטעט אלס מאסקע. און, ענדליך, מיר ציעלען זיך ניט איבערצוקעהרען די וועלט. דאס אלץ איז ניט אונזער זאך. מיר גלויבען גיכער, אז די מיטלען אויף צו לעזען די אידענפראגע געפינען זיך אין דער עקזיסטירענדער אָרדנונג פון געזעץ און געזעלשאפט.

פון מענשען וואס נעהמען זיך אונטער צו לעזען א גרויסע פראגע קאָן מען פערלאנגען א גענינענדע ערנסטקייט ווי אויך ישוב הדעת אין בערעכענען די עקזיסטירענדע פערהעלטניסע. דיזע פערהעלטניסע זיינען טרויעריג, אָבער מיט קינות אליין וועט עס ניט געהן פון אָרט. ווען מיר ווערען זיך ארויסווייזען פעהיג אָנצוגעהן מיט ארבייט, דאן וועלען מיר זיכער האָבען די מיטהילף פון עהרליכע מענשען. סימנים דארויף זיינען דא גענוג. יעדער אונפארטייאישער מוז אויך איינזעהן, אז מיר שלאָגען פאָר א גרינדליכע לעזונג. היינט איז דער אידישער פראָלעטאריאט ניט נור דער ארימסטער און אונגליקליכסטער, נור אויך דער אונרוהיגסטער און מייסט שטערענדער. מחנות־ווייז האלט ער אין איין וואנדערען, פון איין עלענד אין אנדערען, און ווי גרויס מוז זיין דער ערשטער עלענד, ווען זיי איז ניחא אזא פערצווייפעל־טע וואנדערונג אום אויפצוזוכען א נייעם עלענד. צו געפינען פאר דיזען פראָלעטאריאט אן אָרט און ארבייט, דאָס אליין וואָלט שוין געווען א הויכע

אויפגאבע, אָבגעזעהן פון אלע נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע טעמים. איהר ווייסט אז שוין פאר אונז האָבען איניגע זיך געפּרואווט נעהמען צו דער אויפגאבע, מיט גוטער כונה, אויך מיט גרויסע מאטעריעלע מיטלען. איהר ווייסט אָבער אויך, אז די פּראָבען זיינען דורכגעפאלען. פארוואס? ווייל יענע זיינען ארוים פון א פאלשען פּרינציפּ. זיי האָבען געמיינט, אז קודם כל קומט דאָס געלד. ניין! אין אנפאנג איז די אידעע. פאר געלד בע־קומט מען משרתים, א פאָלק לאָזט זיך אזוי ניט הויבען. נור א אידעע קאָן דאָס אויפטהאָן. זי האָט עס אויפגעטהאָן.

ווען מיר קריטיזירען פריהעריגע פּראָבען מוזען מיר אָבער זיך אויסהיטען פון גאוה. אונזער פערהעלטנים צו די פריהערדיגע ציוניסטען איז באמת ווי פון מענשען, וואס ווילען אנברייננגען מאָדערנע פערבעסערונ־גען אויף אן אלטע אונטויגליכע מאשין. בכבוד׳יג איז די אלטע מאשין, דאָך — זי געהערט אין מוזעאום אריין. מיר וואָלטען ניט אזוי שארף בע־טאָנט אונזער קאָנטראַסט, שוין דערפאר אליין וואָס דער כבוד פון יענע ערשטע און אזוי נאָהענטע צו אונז איז אונז ליעב און טייער, ווען מען וואָלט ניט אויסגענוצט די שוואכע רעזולטאטען פון זייערע פּראָבען אלס ארגומענט געגען אונז. די פילאנטראָפּישע קאָלאָניזאציאָן איז צוזאמענגע־בראָכען, די נאַציאָנאַלע וועט געלינגען.

זאָל מען אונז אָבער פרעגען, וואס וועלען מיר אָנהויבען טהאָן מיט די בעזעצער, וועלען מיר ניט בלייבען אין פערלעגענהייט. מיר ווילען זיי מאַ־כען פאר אמת׳ע, צום באָדען צוגעבונדענע לאנד־בעזיצער. זיי זאָלען לעבען אויף דעם באָדען, פון דעם באָדען, ניט ארויסקוקען פער׳דאגה׳ט אויף דעם מארק־פּרייז ווי קראפטלאָזע מארק־מענשען. אויפ׳ן מארק זאָלען זיי קומען נור מיט די פּראָדוקטען וואס זיי וועלען האָבען איבער זייער אייגענעם גע־ברויך. יעדע קאָלאָניע זאָל זיך אליין פערוואלטען אלס פּראָדוקטיווע בויערן־גענאָסענשאפט, אויף די יסודות וואס מיר האָבען שוין היינט געלערנט פון ערפאהרונג און וויסענשאפט. אויף דיזע יסודות וועלען מיר מוזען אָנהויבען, ווען מיר וועלען מיט גאָטס הילף קריגען די עפענטליך־רעכטליכע גאראַנטיען לויט אונזער פּראָגראם. אזוי לאָזט זיך לייגען דער פונדאמענט פאר דעם רוהיגען לעבען, נאָך וועלכען עס בענקט אזוי הערצליך דאס לאנג ארומגעהעצטע אידיש פאָלק.

וואס דא וועט אויפשטעהן אויף דיזען ברייטען שטארקען אונטערגעבוי פון א האָרעפּאשנע לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג, וואָס פאר א ניי־מאָדנער בעקוועמער בנין, דאס וועט אָבהענגען פונ׳ם פאלק אליין, נאָכדעם ווי מיר וועלען האָבען פערשאפט איהם די מעגליכקייט צו שמיעדען זיין אייגען גליק. אלע כחות פון יודענטהום וועלען דאָרט האָבען וואָס צו טהאָן,

די ניט געלערנטע אזוי גוט ווי די העכסט געבילדעטע. עס וועט מעהר ניט נויטיג זיין אויסצושליסען אידישע קינדער פון די שולען, ווי עס פאסירט היינט אין מאנכע ערטער. און זאל עס דערמאנט ווערען, אלס א צוג וואס מאכט אפשר ניט קיין אום־כבוד די אידען, אז זיי שפירען די בעשרענקונג אין די עפענטליכע שולען אלס די גרעסטע פון אלע איצטיגע אכזריות׳ן. פון אנדערע נגישות וועלען מיר בעסער ניט רעדען, ווייל אונזער קאנגרעס דארף ניט ווערען א נייער כותל מערבי פאר געבראכענע הערצער. ניט וויינען זאלען מיר, נור שאפען, און שאפען וואס מעהר ווייל די ביז־איצטיגע פערטרעטער פון אידישע אינטערעסען האבען זיך ארויסגעוויזען אונפעהיג עפעס אויפצוטהאן. נדבות שענקען הייסט ניט העלפען. די נדבות זיינען ניט מעהר ווי א קייט וואס פערבינדט די רייכע ליידיג־געהער מיט די ארימע ליידיג־געהער. די צוויי מינים זיינען אבער ניט דאס גאנצע אידישע פאלק.

אין די לעצטע יאהרען איז, אמת, צוגעקומען נאך א מין כלומר׳שדיגע הילף: דאס אריבערשיפען פון די ארויסגעווארצעלטע אייראפעאישע אידען אין די נייע וועלט. אין אנדערע ווערטער: מען האט ענטדעקט אמעריקא. ליידער איז דיזע ענטדעקונג געקומען א ביסעל צו שפעט. אמעריקא וויל מעהר ניט וויסען פון ארימע איינוואנדערער, גראד אזוי וועניג ווי ענגלאנד. עס איז שוין אין אמעריקא אויך דא א גרויסער אידישער עלענד. אויך אין אמעריקא הויבט אן קלאר ווערען, אז די לעזונג, וועלכע מיר שלאגען פאר, איז די ריכטיגע. א בעוויז דערפאר איז די וואקסענדע צאהל פון ציונים־טישע פעראיינען, וועלכע ציהען זיך אין א לאנגער קייט פונ׳ם סאמע צפון אין צפון־אמעריקא ביז׳ן סאמע דרום אין דרום־אמעריקא, פון קאנאדא ביז ארגענטינא. נור אין געוויסע אידישע קרייזען אין מערב־אייראפא וויל מען ליעבער אלצדינג צוגעבען, נור ניט דעם אמת, אז מיר האבען רעכט.

אונזערע געגנער בעהויפטען, אז עס זיינען דא פאליטישע שטערונגען, וועלכע מען קאן ניט אריבערשפאנען, אבער דאס לאזט זיך זאגען אפילו וועגען דער קלענסטער שטערונג, וועז עס פעהלט דער חשק זי אריבערצושפאנען. אין די לעצטע פינף יאהר, בעטראכטענדיג אלע צייכענס מיט רוהיגען בליק, האבען מיר ניט געקאנט מערקען, אז די פעלקער און רעגירונגען זיינען געגען אונז. אומגעקעהרט, אויב דא און דארט האבען זיך געהערט פריינדליכערע שטימען פאר די אידען, האט מען עס דעם ציוניזם צו פערדאנקען. און פון דער אנדערער זייט דארפען אויך רעגירונגען און פעלקער דאנקבאר זיין דעם ציוניזם דערפאר, וואס מיט זיין לעזונג און שלום־זוכעריי ווייזט ער אן אן אויסוועג, דעם אויסוועג אויף וועלכען מען קאן פארטיג ווערען מיט דער אידענפראגע אהן רציחות, אהן מיטעלאלטערליכע אכזריות, און גאר זעהר בשלום.

פאר אלעם מוזען מיר נאטירליך פרעגען וואס דענקט מען אין טערקיי, וואָס דענקט וועגען אונז דער מאכטהאָבענדער הערשער. אין מאי פון דיזען יאָהר האָב איך געהאט די עהרע עמפפאנגען צו ווערען אין א לענגערע אויי־דיענץ פון זיין מאיעסטעט דעם סולטאן אבדול האמיד. די גוטקייט און הערצליכקייט פון דיזען עמפפאנג האָט מיך אנגעפילט מיט די בעסטע האָפ־נונגען. די ווערטער און דאָס פערהאלטען זיך פון זיין מאיעסטעט האָבען מיר געבראכט די איבערצייגונג, אז דאָס אידישע פאָלק האָט אין דעם רע־גיערענדען קאליף א פריינד און בעשיצער. דער סולטאן האָט מיך בע־פאָלמעכטיגט דאָס מיטצוטיילען עפענטליך. די אידען פון דער גאנצער וועלט מעגען דאָס ויסען, זיי מעגען אויך פערשטעהן וועלכע אויסזיכטען עס ליעגען אין דיזען פאַקט, און זיי מעגען ענדליך זיין גרייט צו מעשים, דורך וועלכע זיי וועלען קאָנען זיך זעלבסט העלפען און אויך מיטהעלפען אויפצובליהען פון דאָס ניי די טערקישע מדינה.

געעהרטע קאָנגרעס־מיטגליעדער!

מיר, אייערע שלוחים, זיינען פארטיג מיט אונזער ערשטער ארבייט. מיר זיינען געווען ווי די מעכאניקער, וואס האָבען גערארפט אויפשטעלען אן עלעקטריע־פאבריק. מיר האָבען געבויט די מאשינען, וועלכע קאָנען די קראפט פערוואנדלען אין שטראָם; מיר האָבען אויך געלייגט די דראהטען צו פיהרען דעם שטראָם, אָפטמאָל אין אזעלכע פלעצער, וואָס פריהער האָט אויסגעוויזען, אז מען קאָן צו זיי ניט צוקומען. דערמיט איז אונזער בעשיי־דען ווערק אָבגעטהאָן. היינט קאָנט איהר עס בעטראכטען!

די הויפטזאך אין אונזער פאבריק איז געווען דיזער קאָנגרעס, א פער־טרעטונגס־קערפער פאר די צושטרייטע אין גאָר דער וועלט, א אידישע בימה, וואָס איהר ווערטה איז געוואקסען פון יאָהר צו יאָהר, א דאנק דעם ערנסט און די עהרליכע אבזיכטען פון די מענער וואָס זיינען דאָ געקומען צום וואָרט. פון דאנען געהען שוין היינט ארוים סיגנאל־ווערטער פאר אלע גלות־לענדער. אין אלע אייראפעאישע לענדער, אין נאָרד־ און זיד־אמעריקא, אין נאָרד־און זיד־אפריקא, ביז אין סיביר, אינדיען און אויסטראליען, זיינען היינט פאראן ציוניסטישע פעראיינען מיט דעם באזעלער פראגראם. היי־יאָהר ווערט צום ערשטען מאָל אומעטום כמעט צו דער זעלבער צייט אָב־געהאלטען א דעמאָנסטראציאָן: דער וועלט־ציוניסטען־טאָג! פיעלע הונ־דערטע טויזענדע אידען נעהמען אנטייל אין דעם.

דורך אונזערע פעראיינען איז געקומען אין יודענטום אן אונערוואר־טעט לעבען. די איינצעלנע אָנשטרענגונגען זיינען אונצעהליג און צוזאמען שטעלען זיי מיט זיך פאָר עטוואָס מעכטיגעס. די גייסטיגע און מאָראלישע ווירקונגען פון דעם ציוניזם זיינען שוין היינט זעהר בעדייטענד, דאָס קאָנען

אפילו אונזערע געגנער ניט פערלייקענען. אונזער אידעע האָט שוין ארויסגערופען און בעגייסטערט אַ גאַנצע רייהע פון דיכטער, קינסטלער און געלעהרטע, און וואונדערבאַר געגוג: ניט אַלע פון דיזע זיינען אידען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן. דאָס בעווייזט אז מיר בריינגען און זוכען אַלגעמיין מענשליכעס. און אין איינינע דונקעלע ווינקלען פון אונזערע ארימע פאַלען שוין ליכט־שטראַהלען. אין פיעלע ערטער ווערען געשאפען אנשטאַלטען פאר פאָלקסבילדונג. אין שול און אין שטוב וואקסט ווידער אַן אידעאַל פאר דער יוגענד. אין די אוניווערסיטעטען איז אין די סטודענטען אריין אַ נייע נשמה. ארבייטער און געשעפטס־אַנגעשטעלטע קומען צוזאמען פאר געהויבענע דעבאטען. דערצו זאָרגט מען פאר די אויסבילדונג פון קערפער דורך אטלעטישע פעראיינען, און פאר פריינדליכען פערקעהר דורך געזאנגס־פעראיינען. עס קומען אויף קאָאָפּעראטיווען פאר געגענזייטיגע אונטערשטיצונג. דאָס אַלץ אונטער דעם ציוניסטישען צייכען. אָבער מיר קאָנען נור איינאָרדנען די אַנשטאַלטען — דאָס פאָלק אליין מוז זיי ווייטער אויפהאַלטען און ערנעהרען.

און דאָס קאָן פאר אַלעם געזאָגט ווערען וועגען דעם פינאנציעלען אינסטרומענט פון אונזער בעוועגונג. די אידישע קאָלאָניאַלבאַנק אין לאָנדאָן איז שוין ארבייטספעהיג. די געגנער האָבען אויף איהר אָנדערצעהלט אַ סך שלעכטעס אין פאָראויס. אָבער דאָ זיינען ניט געווען קיינע רוחים פאר די גרינדער, קיינע פראָצענטען פאר מיטהעלפער און קיינע פאָרטיילען פאר די דירעקטאָרען, און די פערוואַלטער האָבען קיין אנדער צוועק ווי צו היטען דאָס קהל'שע פערמעגען פון אַלע סכנות. מיר מוזען אויך אויף ווייטער אכטונג געבען, אַז דיעזעס פאַרמעגען זאָל געהיט ווערען מיט דער גרעסטער עהרליכקייט, שפּאָרזאַם און בעסער צו ציטעריג איידער צו פריי. דער קאָנגרעס האָט די השגחה דורך זיינע פריי געוועהלטע פאָרשטעהער, און אין דעם ליגט דער ווערטה פון דער באַנק. וועגען דער פיהרונג מוז אבגעגעבען ווערען עפענטליך דין וחשבון. די מיטלען וואָס דאַרפען דיענען די צוועקען פון פאָלק קאָנען ניט פערוועגדעט ווערען אויף עפּעס אנדערש דורך די איינפאַלען אָדער טעותים פון יחידים. דיזער פינאַנץ־אינסטיטוט מוז געפיהרט ווערען לויט די תקנות וואָס דער קאָנגרעס האָט געמאַכט אין פאָראויס און מיט ציטעריגער פאטערליכער געטריישאפט. און איצט, ווען דאָס עקזיסטירט שוין, קאָנען מיר זיך אויך נעהמען צו דער אויספיהרונג פונ'ם פלאַן, וועלכען אונזער אונשטערבליכער פריינד, דער היידעלבערגער פראָפעסאָר שאפירא, האָט פאָרגעלייגט פאר דעם ערשטען קאָנגרעס: צו שאפען דעם נאַציאָנאַל־פאָנד. דאָס געלד וועט דעפּאָנירט ווערען אין דער קאָלאָניאַל־באַנק אין לאָנדאָן. אין לויף פון אונזערע פערהאנדלונגען וועט איהר זיך בעקאָנען מיט דעם נייעם פלאַן און וועגען איהם בעשליסען. דאָס פאָלק זאָל

זיין ניט נור דער גרינדער נור אויך דער אייביגער בעל־הבית איבער דיעזען תכלית־פערמעגען. דאָס וועט מאכען אונמעגליך אז דער פאָנד זאָל פער־וועגדעט ווערען הפקר׳דיג, ניט נאָך די אבזיכטען פונ׳ם גרינדער.

אזוי קאָנען מיר אין א געוויסען זין זאָגען, אז מיט אונזער ערשטער אויפגאבע זיינען מיר פארטיג. אין פיעלע הינזיכטען זיינען די אינסטיטו־ציאָנען בלויז אן אנפאנג און לאָזען זיך פערבעסערען, אָבער זיי זיינען דאָ. דאָס אידישע פאָלק, אויב עס וועט וועלען, קאָן זיי אויסבויען, פערשטארקען און בענוצען. מיר האָבען זיך בעמיהט אַלץ איינצואָרדנען אויף א אונפער־זענליכען אופן. נור אזעלכעס קאָן האָבען א קיום. היינט איז ניטאָ ביי אונז קיינער וואָס מען זאָל אָהן איהם ניט קאָנען זיך בעגעהן. ווער פון אונז עס זאָל ניט פערשווינדען אָדער ארויספאַלען פון דער שורה, די זאַך וועט אָנגעהן ווייטער.

ווי שנעל אָדער ווי לאנגזאם עס וועלען קומען די ווירקונגען פאר וועל־כע מיר גרייטען צו, דאָס קאָנען מיר ניט זאָגען בעשטימט. פון אונז העננט דאָס ניט אָב. מיר האָבען נור געקאָנט אויפשטעלען די פאבריק, די טרייי־בענדע קראפט קאָנען מיר ניט צושטעלען. די קראפט מוז געליפערט ווערען פון אידישען פאָלק — אויב עס וויל.

זעקסטע קאָנגרעס־רעדע

(געהאַלטען אין באזעל, 23 אויגוסט, 1903)

מיר פערזאמלען זיך איצט צום זעקסטען ציוניסטען־קאָנגרעס אין דער גוטער שטאָדט באזעל, וועלכע איז שוין זעהר היימיש מיט אונזער דאנקבאַרקייט. מיר פערזאמלען זיך ווידער אין זאָרגען און האָפנונגען.

די לאגע פון די אידען אין דער גאנצער וועלט איז היינט געוויס ניט בעסער ווי אין די יאָהרען פון די פריהעריגע קאָנגרעסען. וואס מיר האָבען געזאגט פון דיזער בימה אין פריהעריגע יאָהרען וועגען דער לאגע פון אונזער פאָלק, דאָס גילט נאָך ביז אויף דער איצטיגער שעה. דאָ און דאָרט איז יאָ געקומען אן ענדערונג — אָבער ניט צום בעסערען. פיעל פון אונז האָבען געמיינט אז ערגער קאָן שוין ניט זיין. עס איז נאָך ערגער געוואָרען. ווי א פערפלייצונג איז געקומען דער עלענד איבער די אידען. אלץ וואָס האָט געלעבט ניעדריגער איז שוין פערפלייצט. ווען די וואס וואוינען אויף העכערע אָדער בעסער געשיצטע פלעצער לייקענען דיזען שוידערליכען פאקט, מאכט עס זייער שכל אָדער זייער הארץ גאָר קיין כבוד ניט. אמת, דורך מודה זיין אויף דעם פאקט, אז עס געהט די אידען רחמנות׳דיג שלעכט, ווערט נאָך ניט פיעל געוואונען. העכסטענס פיהרט דאָס צו בארמהערציגע מעשים, וואָס בעזונדער גענומען פערדיענען זיי געוויס געלויבט צו ווערען, אָבער ווען העכער בעטראכט, מיט א ברייטערען בליק, פערדיענען זיי געטאדעלט צו ווערען, ווייל כאָטש עס איז בעוויזען, אז זיי פיהרען ניט צו קיין תכלית, שטילען זיי דאָך איין דעם געוויסען פון די וואס טראגען די געמיינזאמע אחריות. „נו יא, מען טהוט וואס מען קאָן!“ — אזוי איז בעקוועם צו רעדען. עס זיינען פיליכט דאָ מענשען, וועלכע פיהלען זיך נישט־קשה׳דיג זעלבסט־צופריעדען ווען לעזענדיג אין דער מאָרגען־צייטונג וועגען א מיטעלאלטערליכען פאָגראָם אויף אידען שיקען זיי דער צייטונג א קלייניקע נדבה צום אנאָנסירען. אָבער אפילו דער וואס בעשטייערט זיך עהרליך לויט זיין פערמעגען, האָט מיט געלד אליין ניט געטהאָן גענוג. דאָס געלד ברייננט ניט צוריק לעבען צו די טויטע, געזונד צו די פערקריפעלטע, עלטערען צו די יתומים. און ווי וויל מען מיט אזעלכע נדבות פערטרייבען דעם פחד פון די וואָס הגם זיי זיינען ניט געטראָפען געוואָרען אויף דעם אייגענעם לייב, מוזען אָבער אין די זעלבע פערהעלטניסע ווייטער לעבען? דיזע זיינען עס נאָך ניט איבערגעקומען.

מיר ציוניסטען געברויכען אייגענטליך דיזע ארגומענטען זעהר ניט ווילענדיג. עס איז געגען אונזער געפיהל אויסצונוצען דעם אונגליק און יאָמער פון עלענדסטע ברואים פאר אגיטאציאָן און פּאָליטישע צוועקען. אָבער עס מוז דאָך ארויסגעזאָגט ווערען פון דיזער בימה מיט וועלכען שמערץ און וועלכען צאָרן מיר האָבען געהערט וועגען די שרעקליכע פּאסירונגען אין קישינעוו, און ווי גרויס עס איז אונזער צער וואָס אידען לעבען אונטער אזעל־כע בעדינגונגען. אָרימע, פעראומערטע לעבענס זיינען דארט פערמוטשעט געוואָרען צום טויט. מיר ווילען עהרען זייער אנדענק, ווילען זאָרגען פאר זייערע יתומים און אלמנות, און דאן ווילען מיר ניט פערלירען אונזער צייט אויף נוצלאָזע דעמאָנסטראציאָנען, נור מיט לעבעדיגען אינטערעס זיך אָנ־נעהמען פאר די לעבעדיגע.

וואָרים איבער די בלוטיגע טעג פון דער בעסאראַבער שטאָדט דארפען מיר ניט פערגעסען, אז עס איז פאראן מעהר ווי איין קישינעוו, און ניט נור אין רוסלאנד. אומעטום וואו דער איד ווערט געמוטשעט אין גוף אָדער נשמה, וואו זיין כבוד ווערט געקרענקט, זיין פערמעגען געשעדיגט, דערפאר וואָס ער איז א איד, דאָרט איז קישינעוו. לאָמיר רעטען די וואָס קאָנען נאָך גערעטעט ווערען.

מען טאָר עס לענגער ניט פערציהען. ווער עס בעטראַכט נור די קלאָרע סימנים, מוז זעהן אז די לאַגע איז געוואָרען ערגער, אמת מסוכן. מיר ציו־ניסטען האָבען פאָראויסגעזאָגט די סכנה זייט יאָהרען — און אז זי איז גע־קומען, שטעהען מיר דאָך פול מיט צער.

אין די לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהר פון נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָט מען אין אידישע קהלה־קרייזען געגלויבט, אז די אויסוואנדערונג איז א רפואה צו אלץ. דאָס האָט געקאָנט מיטגעהן, אויב מען זאָל פערקוקען אלע אנדערע זאַכען — די צרות פון די וואַנדערער, דאָס ביטערקייט פון דעם נייעם לעבען אין וועלכען זיי פאלען אריין ניט צוגעגרייט, דעם נאציאָנאלען שאדען פון ווערען צוזייט און צושפרייט תמיד פון דאָס ניי, און אזוי ווייטער, — דאָך האָט דאָס געקאָנט מיטגעהן נור אזוי לאַנג ווי די לענדער פון איינוואנ־דערונג האָבען זיך ניט געוועהרט געגען דיזען שטראָם פון פערצווייפעלטע אביונים.

אָט דאָס איז די נייע עפּאָכע אין וועלכער מיר זיינען אריין. די איינ־וואנדערונגס־לענדער הויבען אָן זיך צו וועהרען, הגם, אָדער דוקא ווייל די אידישע נויט אין מזרח־אייראָפּא האלט אין שטייגען. און דאָך זיינען דאָס לענדער, וואָס צו צווייפלען אין זייער הויכער מענשליכקייט וואָלט געווען פשוט נאריש. דיזע מדינות גלויבען, אז זיי מוזען איינהאלטען זייער גע־וועהנליכע מענשליכקייט — איך זאָג דאָס ניט איראָניש — און בעהאנדלען פּאָליטיש די אידישע פראגע, וועלכע איז פאר זיי די פראגע פון אידישער

איינוואנדערונג. נור ביי אונז אידען האָבען נאָך אַנדערע מורא צו צוגעבען, אַז דאָס איז אַ פּאָליטישע פראַגע. דיזע מורא, ווען מען פערשטעהט זי גוט, רופט אַרויס מעהר מיטלייד איידער כעס. דאָס איז אַ ווילדער פּחד, וועלכער שטאַמט נאָך פון דעם ענגען אידישען גהעטאָ.

דערווייל געהען די זאַכען פאָרווערטס. אין ענגלאַנד, דער לעצטער רע־טונגספּלאַץ וואָס איז ביז איצט נאָך גאַנץ אָפען, איז בעשטימט געוואָרען אַ קעניגליכע קאָמיסיאָן צו אונטערזוכען די איינוואַנדערונג פון פרעמדע. פון פרעמדע, מען זאָל ניט דאַרפען זאָגען פון אידען. די אויספיהרונגען פונ'ם בעריכט לאָזען אָבער ניט איבער קיין ספק, וועגען וועמענס איינוואַנ־דערונג האָט די קאָמיסיאָן געדאַרפט זיך אַרויסזאָגען. מען זעהט בחוש, ווי דאָס פרייע, בריטאַניאַרציגע ענגלאַנד האַלט מלחמה מיט זיך אַליין, ווי שווער זי צווינגט זיך צו אַ האַרטער גזרה געגען אָרימע מענשען, ווי זי פיהרט איין אַ ספּעציעלע, געצוואונגענע חקירה ודרישה איידער זי בעשליסט עפּעס צו טהאָן. וואָרים עס זיינען דאָך דאָ אַלטע פּרינציפּען, אַזוי חשוב ווי פאָהנען, — וועל־כע קאָנען ניט בלייבען אונבעשעדיגט, ווען ענגלאַנד זאָל אויפהערען זיין אַ פרייער מקום מקלט פאַר אונשולדיג־אונגליקליכע. און גענוי דאָסזעלבע לאָזט זיך זאָגען פון אַמעריקא, וועלכע איז גרויס געוואָרען דערפאַר וואָס זי איז געווען אַ פרייער מקום־מקלט.

די רעגיערונגען פון די לענדער וואָס האָבען צו טהאָן מיט אידישער וואַנ־דערונג פערשטעהען אונזער זאַך בעסער פון טאָג צו טאָג. אונזער לעזונג, וועלכע וויל פאַרהעלפען דאָס אידישע פאָלק צו אַן אייגענער היים, איז אַזוי צוגעפּאַסט צו אַלעמענס אינטערעסען, אַז זי מוז געלינגען. אַ לייכטע אַר־בייט איז עס געוויס ניט. פאַראַן שוועריגקייטען, וועלכע פערלאַנגען אונגע־וועהנליך פיעל געדולד און איבערגעבענהייט. אָבער דאָס אַליין איז שוין אַ שטיק ערציהונג וואָס מיר קריגען אונטערוועגס. עס טרעפען שווערע טעג, אין וועלכע עס צוקריכט פאַר די אויגען וואָס איז ערוואָרבען געוואָרען מיט גרויס מיה, און פאַראַן גלענצענדע התחלות וואָס צופאַלען זיך דערנאָך. אַזוי לאַנג ווי אַ בעוועגונג איז יונג און שוואַך, מוזען די פיהרער איבערטראַכטען, אַז אַזעלכע קלעפּ אויף צוריק קאָנען אָבשוואַכען די אַנהענגער, און אַ חוץ דער אייגענער ענטטוישונג און מידיגקייט קומט נאָך די זאָרג וועגען פיהרען וויטער די אַרבייט, וועגען שאַפען די מיטלען, וועגען דערהאַלטען די חברים.

אָבער גם זו לטובה. עס פערלירען זיך די, וואָס מען פערלירט אין זיי גאָר ניט. זיי ציהען זיך צוריק, איינינגע ווייל זייער גאוה איז געקרענקט, אַנדערע ווייל זיי האָבען אין דער זאַך ניט געפונען זייער אייגענעם חשבון, נאָך אַנדערע ווייל זיי ווילען נור דאָרט זיין וואו עס געהט מיט הצלחה, און נאָך און נאָך אַנדערע צוליעב פערשיעדענע אַנדערע טעמים. אָבער די וואָס בלייבען, זיי ווערט די זאַך מיט יעדען קרבן אַלץ מעהר טייער. מיט די קאָן

מען געהן ווייטער, און זיי מעג מען אויך אלץ דערצעהלען. אזוי האָבען מיר עס זיך פאָרגעשטעלט, ווען מיר האָבען צוזאמענגערופען דיזען קאָנגרעס, און מיר האָבען געגלויבט, אז מיר װעלען גאָרניט האָבען וואָס צו מעלדען אויסער צוזאמענגעבראכענע פערהאנדלונגען און דאָס ניט געלינגען פון לאנג צוגעגרייטע פּראָבען. דערווייל איז עס געוואָרען אביסעל אנדערש.

זייט מיר זיינען דאָ געװען צוזאמען צום פינפטען מאָל, האָב איך געהאט די עהרע צוויי מאָל גערופען צו ווערען נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון זיין מאַיעסטעט דעם סולטאַן. אָבער ביידע מאָל, אין פעברואר ווי אין אויגוסט 1902, האָבען די פערהאנדלונגען צו גאָר ניט געפיהרט. איך האָב זעלבסט־פערשטענדליך ניט געקאָנט איינגעהן אויף קיין זאך, וואָס שטימט ניט איין מיט אונזער באזעלער פּראָגראַם, בעזונדערס האָבען ניט געקאנט צופריעדענגעשטעלט ווערען אונזערע נאַציאָנאַלע בעדירפנישע דורך א צוזאַמען־פענע, ניט־פערבונדענע קאָלאָניזאציאָן אין אלע פערשיעדענע טיילען פון דער טערקישער אימפּעריע. פון די אלע טרחה׳דיגע פערהאנדלונגען האָט זיך נור ארויסגעוויזען, אז זיין מאַיעסטעט דער סולטאַן איז דעם אידישען פאָלק כסדר פריינדליך געזאָנען. דאָס איז געווים בעפריעדיגענד און פיעל ווערטה, אָבער פּראקטיש קאָנען מיר דערמיט ווייטער ניט געהן. אזוי ווי די גוטע מחשבות פונ׳ם הערשער זיינען פאַראַן, און עס איז אויך קיין ספק ניטאָ וועגען די טובות וואס וואָלטען דערפון ארויסגעקומען דער טערקישער מדינה, מוז די שטערונג געזוכט ווערען אין דער האלטונג פון די הויפּט־מעכטע וואס זיינען אינטערעסירט אין מזרח, נעמליך אין דער האלטונג פון רוסלאנד. ווארים פון דייטשלאנד׳ס זייט האָבען מיר געווים ניט וואס מורא צו האָבען פאר א ווידערשטאנד, נאָך דער אונפערגעסליכער אויפנאהמע וואס דער דייטשער קייזער האָט אונז ארויסגעוויזען. ווען איך האָב געהאט די עהרע אין יאָהר 1898 עמפּפאנגען צו ווערען מיט א ציוניסטישער דעלעגאציאָן אין ירושלים, האָט זיין מאַיעסטעט פערזיכערט זיין פריינדשאפט פאר אונזער בעוועגונג. א קייזערס וואָרט דאַרף מען ניט דרעהען און ניט פּלפּול׳ען. מען האָט אויך ניט געדאַרפט מורא האָבען פאר געגנערשאפט פון ענגלאנד. פאסירונגען, וועלכע איך וויל איצט מעלדען, בעשטעטיגען עס.

נאָכדעם ווי די לעצטע פערהאנדלונגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען געבליבען אָהן ערפאָלג, און זעהענדיג ווי די נויט וואקסט, האָבען מיר געמוזט זוכען אנדערע וועגען. איך האָב מיך דארום געשטעלט אין פערבינדונג מיט אייניגע מיטגליעדער פון ברימישען קאבינעט און האָב זיי פאָרגעלייגט א פּאָרשלאָג אונז צו בעווילליגען א לאנד־קאָנצעסיאָן פאר דעם סיני האלב־אינזעל, כדי מיר זאָלען דאָרט גרינדען א ישוב פאר אונזער פאָלק. די מי־ניסטאָרען, וועמען איך וויל אויסדריקען מיין וואַרמסטען דאנק, אזוי גוט

ווי די הויכע בעאַמטע פון דער בריטישער רעגירונג, וועלכע האָבען צו זאָגען אין דיזער אנגעלעגענהייט, האָבען מיך אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט. מען האָט מיר ערקלערט, אַז אזוי ווי די געווינשטע טעריטאָריע איז עגיפּטיש, איז עס נויטיג צו פערהאנדלען דירעקט מיט דער עגיפּטישער רעגירונג, דאָך האָט די ענגלישע רעגירונג מיר גרויסהאַרציג געגעבען איהר עמפּפעהלונג און האָט אויסגעדריקט צו איהר פערטרעטער אין עגיפּטען, לאָרד קראָמער, איהר האָפנונג אַז ער און די ראטהגעבער פון דעם קהעדיוו וועלען דעם פּלאַן געבען זייער פריינדליכע בעטראַכטונג. די בריטישע רעגירונג האָט איבערגעלאָזען צו אונז צו שיקען, אלס א פּאַר־בערייטונג, א קאָמיסיאָן פון פאַכלייטע וואָס זאָל אונטערזוכען ווי ווייט די שטרעקע לאַנד פּאַסט זיך פאר א ישוב און וואָס זיינען דאָרט די אויסזיכטען פאר קאָלאָניזאַציאָן. אונזער פערטרעטער, מר. גרינבערג, איז ענדע אָקטאָבער אוועק נאָך עגיפּטען, בעוואָרנט מיט רעקאָמענדאַציאָנען פון ענגלישען אויסלענדישען מיניסטעריום צו דער עגיפּטישער רעגירונג, אום צו קריגען די הסכמה פון די דעה־האָבענדע עגיפּטישע בעאַמטע אויף דעם ארויסשיקען פון דער קאָמיסיאָן און אויף אונטערשטיצען זי.

לאָרד קראָמער און דער עגיפּטישער אויסלענדישער מיניסטער האָבען איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען, און נאָך אייניגע פערהאנדלונגען האָבען זיי מסכים געווען, אַז די קאָמיסיאָן זאָל געשיקט ווערען. זיי האָבען אויך ערלויבט אַז א פערטרעטער פון עגיפּטישען ביורא פאר לאַנד־מעסטעריי זאָל זיך אָנשליסען אלס מיטגליעד אן דער קאָמיסיאָן. די קאָמיסיאָן איז באַלד געבילדעט געוואָרען און איז בעשטאַנען פון די הערען: אינזשיניר קעסלער, אַרכיטעקט מאַרמאָרעק, קאָירנעל גאָלדסמידט, אינזשיניר סטיוועגס, פּראָפעסאָר לאורענט, דר. ס. סאָסקין, דר. הלל יפה און דעם עגיפּטישען רעגירונגס־פערטרעטער מר. אמפריים.

די קאָמיסיאָן איז געקומען אין עגיפּטען ענדע יאנואר, און אין אָנפאנג פעברואר איז זי ארויס נאָך דעם סיני־האַלבאינזעל. דערווייל האָט אונזער פערטרעטער, מר. גרינבערג, פערלאָזען ענגלאַנד און איז ווידער געפאָהרען נאָך עגיפּטען אום פאָרצולייגען פאר לאָרד קראָמער און דער עגיפּטישער רעגירונג דעם פּלאַן פון א טשאַרטער אויף דעם האַלבאינזעל סיני. נאָך לאַנגע פערהאנדלונגען האָט אונזער אונטערהאנדלער ערהאַלטען א בריעף פון דער עגיפּטישער רעגירונג, אַז זי איז מסכים צום הויפּט־פּונקט פון דעם פאָרגעשלאָגענעם טשאַרטער. ער שרייבט פאַר אידישע זעלבסט־פערוואַלטונג פאר די לאַנד־שטרעקע וועגען וועלכער עס האנדעלט זיך און גיט געמיינדע־רעכט פאר דעם גאַנצען בעוויליגטען געביעט, אָננעהמענדיג, אַז די ארויסגעשיקטע קאָמיסיאָן וועט צושטעלען א גינסטיגען בעריכט, וועלכער וועט איבערצייגען די רעגירונג, אַז א ישוב אויף דעם האַלב־אינזעל איז מעגליך.

אָנפאנג מערץ איז די קאָמיסיאָן צוריקגערייזט נאָך עגיפּטען און איך בין זעלבסט אהין געפאָהרען כדי זיך מיט איהר צו טרעפען. איך האָב פאָרגעלייגט פאר לאָרד קראָמער און דער עגיפּטישער רעגיערונג פערשיעדענע פּלענער, אזוי ווי איך האָב אָבער געמוזט פאהרען צוריק נאָך אייראפּא, האָב איך די ווייטערע פערהאנדלונגען אנפערטרויט א מיטגליעד פון דער ארויסגעשיקטער קאָמיסיאָן.

עס זיינען ווידער געקומען פערצויגענע אונטערהאנדלונגען, וועלכע האָבען אָבער, ווי איך מוז מיטטיילען מיט בעדויערען, זיך געענדיגט דערמיט וואָס די עגיפּטישע רעגיערונג האָט ערקלערט, אז זי קאָן זיך ווייטער ניט אריינלאָזען אין דעם ענין, ווייל דער רעפּאָרט פון די פאַכמענער ווייזט, אז עס איז אונמעגליך צו פערזאָרגען מיט גענוג וואסער די פלאַכע פּעלוזינישע געגענד, און דערפאַר קאָן מען אויך ניט דורכפיהרען א ישוב אין על־אַריש אָדער אין אן אנדער טייל פונ׳ם האלב־אינזעל. ווען די מיטגליעדער פון דער בריטישער רעגיערונג, מיט וועלכע איך בין פריהער געשטאַנען אין פערבינדונג, האָבען ערפאהרען פון דער עצה וואס די עקספּערטען האָבען געגעבען דער עגיפּטישער רעגיערונג און פון דעם בעשלוס וואס זי האָט געפונען פאר נויטיג אָנצונעהמען, האָבען זיי מיר תיכף אָנגעבאָטען אָבצוגעבען אַן אַנדער שטיק לאַנד פאר אידישע קאָלאָניזאַציאָן אנשטאט דאָס פריהעריגע.

דאָס נייע שטיק לאנד האָט ניט דעם היסטאָרישען, פּאָעטיש־רעליגיעזען און ציוניסטישען ווערטה, וואָס עס וואָלט געהאַט אפילו דער סיני־האלבאינזעל, איך צווייפעל אָבער ניט, אז דער קאָנגרעס אלס פערטרעטער פון דער אידישער מאסע וועט אויך דעם נייעם אָנבאָט אויפנעהמען מיט ווארמסטער דאנקבארקייט. דער פּאָרשלאַג בעדייט א זיך־זעלבסט־רעגיערענדער אידישער ישוב אין מזרח־אפריקא מיט אידישער פערוואלטונג, אידישער לאָקאלער רעגיערונג און מיט אן אידישען אויבער־בעאַמטען אן דער שפּיצע, דאס אלץ נאטירליך אונטער דער אויבער־הערשאפטליכער השגחה פון ענגלאנד. בעטראכטענדיג דעם אידישען צושטאַנד און די נויטיגקייט צו געפינען תיכף א מיטעל צו מאכען די לאגע ווי מעגליך בעסער, האָב איך זיך ניט געפיהלט בערעכטיגט, ווען דער פּאָרשלאַג איז געמאכט געוואָרען, צו טהאָן עפּעס אנדערש ווי צו קריגען די ערלויבניש פּאָרצובריינגען דעם פּאָרשלאַג פאר׳ן קאָנגרעס. כדי די זאַך זאָל פאר אונז אלע האָבען א גענוג ממש׳דיגען אינטערעס, איז עס געווען נויטיג צו געבען דעם פּאָרשלאַג א פאָרם וואָס זאָל זיך רעכענען מיט די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, וועלכע זיינען אונז אַלע אזוי טייער. אונזער פערטרעטער האָט דארום א שטיק צייט געפיהרט מיט די מיטגליעדער פון בריטישען קאבינעט און מיט די שעפס פון די ביוראָס געטויע פערהאנדלונגען, וועלכע האָבען גענומען א גינסטיגען פערלויף.

איך וויל דעם קאָנגרעס ניט פאַרלויפען דעם וועג איבער דער פּאָליטיק וואָס די ציוניסטישע בעוועגונג זאָל אָננעהמען בנוגע צו דיזע פאָרשלאַגען, אָבער הגם דאָס אידישע פּאָלק קאָן זעלבסטפערשטענדליך ניט האָבען קיין אַנדער ענד־ציעל ווי פּאַלעסטינא, און הגם אונזער בליק וועגען דעם לאַנד פון אונזערע עלטערען איז און מוז בלייבען אונפערענדערט, וואָס עס זאָל זיך ניט אויסלאָזען פון דעם פאָרשלאַג, וועט דער קאָנגרעס דאָך איינזעהן וואָס פאר א אונגעוועהנליכען שטוים פאָרווערטס אונזער בעוועגונג האָט בעקומען דורך די אונטערהאנדלונגען מיט דער בריטישער רעגיערונג. איך מעג זאָגען, אז אונזערע אַנזיכטען בנוגע צו פּאַלעסטינא זיינען גאַנץ אָפען און אויספיהרליך ערקלערט געוואָרען צו די מיטגליעדער פון בריטישען קאָבי־נעט און צו די הויכע רעגיערונגס־בעאמטע וואס האָבען צו זאָגען אין דעם ענין. איך גלויב אז דער קאָנגרעס וועט געפינען מיטלען ווי אויסצונוצען דעם אָנבאָט. דיזער אָנבאָט איז אונז געמאכט געוואָרען אין אזא אופן, וואָס מוז העלפען בעסער און גרינגער צו מאכען די לאַגע פונ׳ם אידישען פּאָלק, אָהן א מוז פאר אונז אויפצוגעבען וואס ניט איז פון די גרויסע גרונד־פּרינ־ציפּען אויף וועלכע אונזער בעוועגונג איז געגרינדעט.

מיר זעהט עס ניט אוים פראקטיש פאָרצולייגען פאר׳ן גאַנצען קאָנגרעס די פּרטים פון דעם פאָרשלאַג, אויף וועלכען איך וויל זעהר ערנסט ציהען אייער בעזונדערע אויפמערקזאמקייט. מיר שיינט אז עס איז ריכטיגער אייך צו בעטען, אז איהר זאָלט וועהלען א קליינע, ספּעציעלע קאָמיטע, וואָס זאָל זיך אָבגעבען מיט דעם גאַנצען ענין. וואס עס זאָל ניט בעשלאָסען ווע־רען — אזוי פיעל קאָן איך זיכער זאָגען, אז מיר אַלע טראָגען גאָרניט אין הארצען אויסער א געפיהל פון טיעפסטער דאנקבארקייט פאר די פּאָליטיש־קלוגע פריינדליכקייט וואס גרויס־בריטאניען האָט ארויסגעוויזען צום אידי־שען פּאָלק דורך דיזע פערהאַנדלונגען.

ציון איז עס געווים ניט און קאָן עס קיינמאָל ניט ווערען. עס איז נור אן אויסהילף אין קאָלאָניזאציאָן, אָבער, מערקט אייך גוט, אויף א נאַציאָנאַ־לען און שטאאטליכען יסוד. אויף דעם סמך וועלען מיר אונזערע מאסען ניט געבען דעם צייכען זיך צו לאָזען אין וועג. עס איז און בלייבט בלויז א נויט־מיטעל וואס זאָל ארויסהעלפען פון דער פערלאָרענקייט פון אַלע פּי־לאַנטראָפּישע אונטערנעהמונגען און וואָס זאָל פערהיטען פון דעם שאדען פון צערשטרייטע פּאָלקס־טיילען.

אזוי האָבען די זאכען געהאלטען ווען עס איז געקומען דיזע לעצטע ווענדונג, וועלכע איז ערשט אייניגע טעג אַלט, וועלכע מאכט אָבער מעגליך א זעהר בעדייטענדע ענטוויקלונג.

די גוט בעקאנטע פאסירונגען האָבען עס געמאכט נויטיג, אז איך זאָל אין די אינטערעסען פון אידישען פּאָלק פאהרען נאָך רוסלאַנד. איך האָב

געהאט די אָנגעלייגנטע געלעגענהייט צו פערקעהרען מיט דער דאָרטיגער רעגיערונג, און איך קאָן זאָגען, אז איך האָב געטראָפּען א געוויסע צושטימונג צו די ציוניסטישע שטרעבונגען, און האָב אויך געהערט ווערטער וועגען דעם גוטען ווילען צו טהאָן פאר אונז עטוואס בעשטימטעס. איך בין זיך איבריגענס מתודה, אז ביי דיזער געלעגענהייט בין איך ניט געווען בלויז א פּאַרטייִמענש — איהר וועט דערפאר אויף מיר קיין תרעומות ניט האָבען. איך האָב גערעדט ניט נור פאר די ציוניסטען, נור פאר אלע אידען אין רוסלאנד. איך האָב זיך בעמיהט צו פּועל'ן אייניגע פערבעסערונגען אין זייער טרויעריגער לאגע, און האָב אויך ערהאלטען די פערזיכערונג, אז אזעלכע ערלייכטערונגען וועלען אין גיכען בעטראכט ווערען.

מעהר בעדייטענד זיינען געווען די פערזיכערונגען, וועלכע איך האָב ערהאלטען פאר די ציוניסטישע בעוועגונג. איך בין אין דער לאגע צו ערקלערען, אז די רוסישע רעגיערונג וויל ניט לייגען קיינע שטערונגען אין וועג פון דעם ציוניזם, אויב ער וועט ווי ביז יעצט טראגען א רוהיגען און געזעצליכען כאראקטער. ווייטער איז די רעגיערונג גרייט מיטצוהעלפען ביים דעקען פון די נויטיגע געלדער פאר אן עמיגראציאָן וואס זאָל געפיהרט ווערען פון אונז ציוניסטען.

ענדליך, און דארויף דארף מען געוויס לייגען דאס גרעסטע געוויכט, איז די רוסישע רעגיערונג גרייט צו אונטערשטיצען מיט איהר איינפלוס אונזערע בעמיהונגען ביי זיין מאיעסטעט דעם סולטאן וועגען קריגען פּאַלעסטינא.

יעדער קאָן איינזעהן ווי ווייט עס געהט דיזע ערקלערונג, וועלכע מיר איז ערלויבט איבערצוגעבען צום קאָנגרעס. אזא פערשפּרעכען פון דער רוסישער רעגיערונג איז א דיפּלאָמאַטישער געווינס, וואָס מען קאָן איהם ניט צו הויך אָבשאַצען. ניט נור איז בעזייטיגט געוואָרען א גוואלטיגע שטערונג, נור עס איז אויך פּלוצלונג צוגעקומען א מעכטיגע הילף. געוויס מוז מען פריהער אָבוואַרטען איהרע ווירקונגען, מיר קאָנען אָבער מיט אָבגעפרישטען מוטה און מיט גרעסערע אויסזיכטען ווי ווען עס איז פריהער ווייטער אָנגעהן מיט אונזערע בעמיהונגען פאר ארץ ישראל.

עס וועלען נאַטירליך אויך איצט זיין מענשען, וואָס וועלען אַרויסזעהן נור דאָס ביטערע אין דיזע פּאָרטיילען. די הילף פון די מעכטע, וועלען דיזע לייט זאָגען, איז ניט קיין פרעהליכער סימן. זיי ווילען פון אונז לויז ווערען אָדער ווילען אונז ניט אריינלאָזען. גוט! אויב עס ליגט אין דעם אן עולה געגען אונזער פּאָלק, דאַן וועלען מיר געבען דעם ענטפער דארויף אין דער צוקונפט, אין אונזער צוקונפט, אין אונזער לאַנד! און דיזער ענטפער זאָל בעשטעהן אין הויבען העכער די מענשליכע אויפפיהרונג.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHÈQUE JUIVE PUBLIQUE